STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11013

MOSHKELE GANEV

Sholem Aleichem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[8924]

„אוניווערסאלע ביבליאָטעק“

שאָלעם-אַלייכעם

מאָשקעלע גאנעוו

ראָמאַן

№ 3.

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע
קיעוו—1927

קיעווער פּאָליגראַפישע שול
וואָראָווסקע גאַס 16,
באַשט. 1758—גערדרוקט 5100
אָקרליט № 3281

פון פאַרלאַג

שאָלעם-אַלייכעמס ראָמאַן „מאָשקעלע גאַנעוו“ ווערט דאָ פאַרעפנטלעכט לויטן טעקסט, וואָס האָט זיך געדרוקט אין 1903-טן יאָר אין מ. ספּעקטאָרס „אידישע פאָלקסצייטונג“. ביז אַהער איז „מאָשקעלע גאַנעוו“ אין אַ בוך-פאָרם ניט דערשינען, ניט געקוקט דערויף, וואָס שאָלעם-אַלייכעם האָט בעשאיטוי זייער געהאלטן פון דעמדראָזיקן ווערק און געשריבן אין אַ בריוו צו ספּעקטאָרן: „איך פאַרהאָף, אַז דער ראָמאַן „מאָשקעלע גאנעוו“ וועט אויסנעמען אַזוי ווי „סטעמפּעניו“ אַמאָליקע יאָרן“.

קאַפּיטל א

רעדט פון גאַנאָווים.

ניט-אידן האָבן אים גערופן מאָשקע, אידן האָבן אים פאַרצויגן מאָשקעלע און צוגעזעצט א צונעמעניש גאַנעוו, מאכמעס ער איז געווען אַ גאַנעוו, דאָס הייסט זיין פאַר-נאָסע איז געווען גנייווע.

און גאַנווענען האָט ער געגאַנוועט נאָר פערד. אף גנייווע-לאָשן איז ניטאָ מע זאָל גאַנווענען פערד; פערד-גאַנאָווים, אַז זיי ריידן פון זייער מעלאָכע, זאָגן זיי: „גע-שאָסן אַ פויגל", „אָפּגעקייטלט און ארויסגערופן" פון שטאַל, „אַוועקגעפלינטלט" מיטן פויגל אַפן יאַריד, „אונטערגעפידלט" באַ אַ ציגיינער, „אויסגעבייטשלט" מיט אַ באַלעגאָלע, צו-נויפגענומען די „באַבקעלעך" און געקומען ריין ווי א טעלער— אָט דאָס איז די שפּראַך פון פערד-גאַנאָווים, אָט דאָס איז זייער זשאַרגאָן.

צווישן גאַנאָווים ביכלאל איז ניטאָ דער נאָמען „גאַנעוו" און דאָס וואָרט „גנייווע". פאַראַן אַ „מאַרוויכער" (אַ קע-שענע-גאַנעוו), אַן „אָדלער" (אַן אַנטלאָפענער גאַנעוו), אַ

„וועשער״ (אַ נאַכט-גאַנעוו), אַ „כלאָמידניק״ (אַ קליידער-גאַנעוו), אַ „שפּאַן״ אָדער אַ „רויטער״ (גלאַט אַ גאַנעוו) אוכעדוימע. נאָר אַ פערד-גאַנעוו—דאָס איז גאָרניט פאַראַן, ניטאָ דאָס מין; פאַראַן אַ „אַמאטער״, דאָס הייסט אַ ליבהאָבער פון פערד.

און מאָשקעלע גאַנעוו איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון פערד. אַ פערדל איז בײַ אים געווען דאָס כאַיעס. אנידערזעצן זיך אַף אַ פערדל רייטנדיק, פליען פייל אויסן בויגן, שפּרינגען מעשוגענערווייס איבער בערג און איבער טאָלן, איבער וועלדער און איבער טײַכן—דאָס איז געווען זײַן אַרבעט נאָך פון אינגלווייס אָן, וואָרום פערד האָט ער געזען נאָך בײַ זײַן פאָטער, דעם נאָווי יוינע, וואָס ער איז אליין אויך געווען קאָליאָמאָוו אַ פערד-גאַגעוו... פאַרדאָן! ניט קיין גאַנעוו, נאָר אַ „נאָווי״.

איר ווייסט, וואָס הייסט א נאָווי? אַ נאָווי צווישן פערד-גאַנאָווים, פערד-הענדלער און באַלעגאָלעס, הייסט א „טרעפער״, א מענטש, וואָס טרעפט, און דער נאָווי יוינע פלעג טרעפן. האָט זיך געמאכט, מע האָט בײַ א באַלעגאָלע ארויסגעפירט אַ פּאָר פערד פון שטאַל, איז מען געגאַנגען צום נאָווי.

— רעב יוינע, וואָס טוט מען? ס'איז שלעכט, מע האָט דאָך בײַ מיר הײַנטיקע נאַכט אַרויסגעפירט אַ פּאָר פערדלעך. גיט עפּעס אָן אייצע, רעב יוינע!

דער נאָווי יוינע, אַן אַלטער, אַ גרויער, מיט קאָסאָקע אויגן, וואָס איינס קוקט קיין דאָרעם, דאָס אַנדערע קיין צאָפן, רעדט נישט קיין סאַך, טוט אַ פרעג:

— וואָסערע ?

— איינער אַ בולאַנער, איינער אַ ווייסער מיט פלעקן. ערשט ניט לאַנג געבראַכט צו פירן פון „ספּאַס״, אויסגעביטן אף מיינע צוויי שקאַפּעס, איר דאַרפט זיי געדיינקן, רעב יוינע, געווען וואוילע שקאַפּעס, צו וואָס האָב איך זיי באַדאַרפט אויסבייטן, וועלכער רוח ווייס איך אליין ניט! ער האָט זיך צוגעזעצט צו מיר, אַזריעל, מיטן קאָפּ זאָל ער אָנלייגן! בייט, זאָגט ער צו מיר, וואָס וועט אייך אַרן, אַז איר וועט בייטן? בין איך געגאַנגען און האָב געביטן, און איצט האט מיך געטראָפן אַזאַ אומגליק. גוואַלד, רעב יוינע, גיט עפּעס אן אייצע!

דער נאָווי יוינע קוקט אָן א זייט און די קאַסאָקע אויגן באַ אים ברענען.

— אַ „רויטינקס״ וועט זיין פאַר דער אַרבעט?

— אַ רויטינקס? וואו זאָל איך נעמען? ס׳הייסט, ביטערע יאָרן, רעב יוינע, שווערע יאָרן, עפּשער וועט זיין גענוג אַ „גרינס״, רעב יוינע?

דער נאָווי קוקט אָן אַ זייט און די קאסאָקע אויגן ברענען. ער שנייט אָפּ ווי מיט אַ מעסער.

— אַ „רויטינקס״!

— עפּשער אַ „בלאָווס״, רעב יוינע?

— אַ „רויטינקס״!

דער באַלעגאָלע קראַצט זיך, זאָגט צו אַ „רויטינקס״ און גייט אַוועק און לייגט זיך שלאָפן, און אַף מאָרגן, אופגעשטאַנען גאַנץ פרי, טרעפט ער די פערדלעך באַ זיך אין שטאַל.

בעקיצער,—מאָשקעלע גאַנעוו איז געווען אַ גאַנעוו בען גאַנעוו.

קאַפּיטל ב

ער באַווייזט זיך ארויס קליינערהייט.

קינדווייס האָט ער דאַפקע געלערנט אין כיידער. דער נאָווי, כאָטש ער איז אליין געווען, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, א איד אַ גאַנעוו, האָט ער פונדעסטוועגן געוואָלט, אַז זיין זון זאָל אים זיין אַ „וואויל געלערנסטער"; ער האָט זיך פאַר אַלעמען באַרימט מיט זיין „קאַדעש", אַז ער צאָלט פאַר אים סכאַר-לימעד.

דער „קאַדעש" האָט אָבער מער ליב געהאַט די שטאַל ווי דעם כיידער, און אַ פערדל איז באַ אים געווען צען מאָל טייערער פונם רעבן לעהאוודל. דער רעבע אליין האָט געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן דאָס דעם פאָטער, אַפילע אביסל פאַרשטעלט.

— רעב יויגע, איר מעגט שוין דעמאָלט שטאַרבן, ווען אייער זון וועט קאָנען זאָגן קאַדעש...

דעם פאָטער האָבן דידאָזיקע ווערטער אזוי טיף דער-לאנגט צו דער לעבער, אַז ער האָט גענומען אן אַראַפּניק און געהייסן דעם זון זיך לייגן, ער זאָל אים מעקאַיעם פּסאַק זיין. דער זון האָט אָבער קיין כיישעק ניט געהאַט פאַרזוכן דעם טאַם פון אַ רימענעם אַראַפּניק אַפן היילן לייב,

און האָט זיך אָפּגעזאָגט, ניט געוואָלט בעשומויפן זיך לייגן.
— לייג זיך! —האָט אים דער פאָטער געזאָגט.
— איך וועל זיך ניט לייגן—האָט אים דער זון געענטפערט.
דעמאָלט האָט אים דער פאָטער געהייסן מיטן האַרבן וואָרט.
— לייג זיך זאָג איך דיר!
— איך וועל זיך ניט לייגן האָב איך דיר געזאָגט.
איז דער פאָטער אַרויס פון די קיילים, אים געוואָלט מיט גוואַלד אַנידערלייגן. האָט זיך דער זון ניט געלאָזט רירן פונם אָרט. אַ שאָ קיעסיידער האָט זיך דער פאָטער געראַנגלט מיטן זון, ניט געקאָנט מאַכן מיט אים גאָרניט, ער האָט אַרויסגעזען, אַז גיכער וועט ער אופהייבן די שטוב אַף די פּלייצעס, איידער איינבאָרען דעם זון.
— וועסט זיך ניט לייגן?—האָט אים דער פאָטער אַ פרעג געטון דאָס לעצטע מאָל.
— ניין, בעשומויפן!—האָט אים דער זון געענטפערט, און ביכדיי דער פאָטער זאָל ניט מיינען, אַז ער זאָגט דאָס אין אַ גלייכווערטל, האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַן אייזערנע פיד-קאָווע פון דער קעשענע און האָט זי צעבראָכן אַף צווייען, ווי מע ברעכט אוף אַ בייגל. דעמאָלט האָט דער נאָווי ארויסגעזען, אַז זיין זון האָט אין זיך שימשן האַגיבערס גע-וואורע און ער האָט באַקומען פאַר אים גרויס דערעכערעץ.
אַז מאָשקע איז אַרויס פונם כיידער, האָט ער ניט גע-קאָנט דאַוונען אפילע, ער איז געווען, ווי מע זאָגט אין מאַזעפּעווקע, „געכאַפּט אַף דער איוורע״; דערפאַר אָבער

האָט ער געקאָנט אַנדערע זאַכן: איינשפּאַנען דעם גרעסטן וואָגן און פאָרן רייטנדיק האָט ער געקאָנט ווי א קאָזאַק; דאָס פערד האָט געמעגט זיין ווי ווילד און היציק, איז דאָס באַ אים אונטערן רייטן געוואָרן ווייך, ווי טייג און שטיל, ווי אַ קעצעלע. היינט האָט ער געקאָנט שווימען אַפן וואסער טאַקע נאָר ווי אַ קאַטשקעלע; אַריבערשווימען דעם טייך אין דער ברייט הין און צוריק אין איין אָטעם איז באַ אים געווען אַ שמעק-טאַבעקע, און זיין געוואורע האָט געהאַט אַ שעם ניט נאָר אין מאַזעפּעווקע, אין אַלע דערפער אַרום און אַרום האָט מען געוואוסט, אַז מאָשקע קאָן איינבאָרען דריי סאָלדאַטן און שלאָגן זעקס מענטשן מיט איין האַנט, און אַזוי שלאָגן, אַז בלוט זאָל גיין, אַז מע זאָל אים האָבן צו גערייגקען.

נאָך אַז ער איז געווען גאָר יונג, אַ באַרמיצווע-אינגל, האָט ער זיך ניט איין מאָל אויסגעצייכנט מיט זיין שלאָגן, באַוויזן ווער מאָשקע איז. די מאַזעפּעווקער פויערשע יונגען, וואָס פלעגן קימאַט אַלע שאַבעס מילכאָמע האלטן מיט די אידישע קינדער בעשאַס זיי גייען אַרויס שאַבעס באַטאָג אונטערן שטאָט אפן שפּאַציר, אָנרייצן אַף די ידן די הינט, יאָגן, פייפן און זינגן דאָס שיינע ליד:

זשיד, זשיד,

כאַלעמיי!

אז זיי האָבן איינמאָל פארזוכט מאָשקעס הענט, האָבן זיי שוין פאַרזאָגט דעם צענטן, מע זאָל זיך מיט דעמדאָ-זיקן אידן ניט זאַטשעפּען, און שפּעטער, אַז ער איז אונטער-

געוואָקסן, געוואָרן אַ באָכער צו לייטן, האָבן אויך גרויסע פּויערים פאַרזוכט מאָשקעס קולאַקעס און האָבן פּאַר אים געציטערט איימאַס-מאָוועס.

שלאָגן זיך— דאָס איז געווען בא אים, קאָן מען זאָגן, א מין טאַיווע, א יעיצער-האָרע, און ליב געהאַט האָט ער זיך פאַרטשעפּען מיט א גרעסערן, א געזינטערן פון זיך.

צומיינסטן פלעג ער ארויסבאווייזן זיך מיט זיין גע-וואורע דעמאלט, ווען מע האט עמעצן באליידיקט. ער האָט געדאַנקט גאָט, אז עס האָט זיך אים געטראָפן א גליק, עטלעכע באלעגאָלעס, אָדער עטלעכע קאַצאָווים האָבן אלע מיט א מאָל באפאַלן איינעם (און דאָס איז דאָך א קלאל, אז אידישע באלעגאָלעס און קאַצאָווים זיינען גרויסע ראָצכים-היצלעס)—דעמאָלט פלעגט אונזער מאָשקע פארקאַטשען די ארבל, אריינשפּרינגען אין רעכטן פיי-ער און ארבעטן מיט ביירע הענט און מיטביידע פיס, און אז מע האט באדארפט מיטן קאָפּ—איז געווען מיטן קאָפּ אויך. ניט איינער פלעג אוועקגיין פון דערדאָזיקער מיל-כאָמע מיט א בייל אפן שטערן, מיט א לאמטערן אונטער די אויגן, מיט א קרעל אף דער נאָז. פון אָפּגעריסענע ארבל, צעפליקטע פּאָלעס און צעקאַרדאשעטע פּלייצעס— פון דעם שמועסט מען ניט. דאָס האָט ער אליין אַף זיך ניט איינמאָל פארזוכט, און טאָמער האט עמעצער אים איינ-געטיילט פעטש, איז אויך געווען פארפאלן, אדעראבע, ער

האָט ליב געהאט אזעלכן, וואָס קאָן געבן פעטש; אזעלכן, האָט ער געזאָגט, איז ערשט גוט צו פאַטשן און געשמאק כאַפּן פון יענעם פעטש.

האקיצער, אין דעם איניען פון פעטש, פון קלעפּ מיט קולאַקעס איז מאָשקע געווען א מעפורסעם. אויב איר וועט קיין פאריבל ניט האבן, וועל איך זאָגן, אז ער איז געווען א גאָען.

קאפיטל ג

ער איז געווען דער גאָליאס האפלישטי פון זלאָ-דיעווקע.

אין דער סוויווע פון מאזעפעווקע איז פאראן א דאָרף זלאָדיעווקע; איז אין דעם זלאָדיעווקע געווען א פויער מיטן נאָמען איוואן קורקא, א הויכער, א געזונטער, א מין גאָ-ליאס האפלישטי. א שטילער אפילע, אן ערלעכער, נאָר ביזווא-נען ער איז געווען ניכטער. קוים האט ער אבער געמאכט אן איבעריקע קויסע, אזוי פלעג זיך אין אים צעברענען די רעציכע און פלעג אָנהייבן „בושעווען", ברעכן טירן, פענצטער, שלאָגן מענטשן און צום מיינסטן אידן. אף אידן פלעג ער דעמאָלט זידן סאַקאָנע-נעפאָשעס. די אידן—פלעג ער מאַינען און מאכן בעשאס מאַיסע מיט ביידע קולאַקעס אין דער לופטן—די אידן פארומערן אים דאָס לעבן, זיי

עסן זיין פלייש, זיי טרינקען זיין בלוט, ער וועט זיך ניט בארואיקן ביז ער וועט זיי ניט אויסהארגענען, אויסקוילן איינציקווייס!

אזוי פלעג טאינען איוואן קורקאַ מיט זיך אליין און היצן זיך אזוי לאנג, ביז מע האָט אים באדארפט בינדן הענט און פיס און א שיקערן ווי א באַראַן אָפּפירן א היים קיין זלאָדיעווקע.

וואַיהי האיאָם, איז געווען אין מאזעפעווקע „ספּאַס יאַריד״, און איוואן קורקאַ האט ארויסגעפירט א פּאָר ביקלעך צו פארקויפן. פארקויפט די ביקלעך, האָט ער בא סאָרע וואָלציכען אין טראַקטיר געשטעלט מאָהאריטש און נאָכאַמאָל מאָהאריטש און ווידעראַמאָל מאָהאַריטש און האָט זיך צעהוליעט און האָט אָנגעהויבן בושעווען ווי זיין שטייגער איז, ברעכן פלעשלעך, שלאָגן פענצטער, און האָט זיך אנגעהויבן טשעפּען צו סאָרע וואָלציכען, פריער מיט ווערטער און מיט קלאָלעס, און דערנאָך מיט פעטש און מיט קו־לאַקעס. איז געוואָרן א געוואַלד: מע שלאָגט סאָרע וואָל־ציכען!

דער געוואַלד איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט געגרייכט אפן יאריד צווישן די ליווערראנטן. דאָרט איז געשטאנען מאָשקע אין א קורץ פעלצל, מיט א בייטשל אין די הענט. די הויזן ארייגעלאָזט אין די שטיוול און באטראכט א פערדל, וואָס ער האָט שטאַרק כיישעק געהאט דאָס צו קויפן. פלוצים דערהערט ער א געשריי: מע שלאָגט סאָרע וואָלציכען.

— ווער שלאָגט?

— איוואַן קורקאַ!

גרינגער ווי אַן אדלער, גיכער ווי א הירש און שטאַרקער פון א לעמפּערט איז מאַשקע אריינגעפלויגן צו סאָרעוואָלציכען אין טראקטיר אריין און האָט דערלאנגט איוואן קורקאן נאָר איין פּאַטש, האָט זיך באַ אים געלאָזט די דאָמים פונם לינקן אויער.

אין עטלעכע טעג ארום איז איוואן קורקאַ געקומען צו פאָרן קיין מאַזעפּעווקע מיט א געשוואָלענער באַק, האָט זיך ארומגעטראָגן איבער דער שטאָט מיט א גרויסן טאָפּ אייער און האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואו זיצט דאָ ערגעץ דער איד, וואָס האָט אים געשלאָגן.

— א דע טאָי זשיד שאָ מענע וודאַריוו?

האָבן דאָך מיסטאַמע די מאזעפּעווקער אידן ניט געוואָלט ארויסגעבן מאַשקען. נאָר מאַשקע, אז ער איז געוואוירע געוואָרן, אז איוואַן קורקאַ זוכט אים, איז ער אים אליין ארויסגעקומען אקעגן און האָט אים געפרעגט, צי וויל ער ניט פארזוכן פון אים נאָך א פּאָר פּעטש? האָט אים איוואַן קורקאַ דערויף געענטפערט, אז ס'איז גענוג, ער איז שוין צופרידן מיטן ערשטן פּאַטש. א סימען, אָט האָט ער אים געבראכט א מאטאָנע—אייער, און איוואן קורקאַ איז געוואָרן מיט מאַשקען כאַווער, די גרעסטע גוטע ברי"ער.

קאפיטל ד

ער טראָגט סינע אף די מאַזעפּעווקער אידן און איז גערעכט.

פון דעמאָלט אָן האָבן די מאזעפּעווקער אידן געקאָנט שלאָפן רואיק.

מאָשקע, אָדער ווי זיי האָבן אים גערופן מאָשקעלע גאנעוו, איז געווען זייער באַשיצער. ער איז טאַקע געווען ניט מער ווי א גאַנעוו, א „לוי יאָווע באַ־קאָהאָל", וואָס קיינער וועט זיך מיט אים ניט מעשאַדעך זיין; נאָר אז מע האָט באדארפט צו אים אָנקומען, פלעג מען אים כאַנפּענען, קריכן אונטער די נעגל, מאַכן הונדערט קאָמפּלימענטן. דערוף איז דאָך פאראן א אידיש ווערטל: „אז מע דאַרף האָבן דעם גאַנעוו, נעמט מען אים אראָפּ פון דער טליע".

מאָשקע האָט אלצדינג געוואוסט און האָט זיך אויס־געלאַכט אף זייער באבע. אלע מאַזעפּעווקער אידן מיטן נאָ־גיד איינינעם האָט באַ אים געהאט א ווערט, ווי ער אליין האָט געזאָגט, פון אן אויסגעבויגענעם צוויאָק און אן אל־טער פידקאָווע.

פונדעסטוועגן האָט ער געטראָגן אף זיי אסאַך פאר דראָס.

ערשטנס, פאַרן נאָמען אליין; ער האָט געוואוסט, אַז מע רופט אים אונטער די אויגן „מאָשקעלע גאנעוו". וואָס

איז ער זיי פאר א גאנעוו בא וואָסער? מאַזעפּעווקער אידן האָט ער, כאָלילע, עפּעס אוועקגעגאַנוועט? און וואָס איז עפּעס פארצויגן? פאַרוואָס קומט אים א נאָמען מאָשקעלע גאנעוו, און מוישע נאַפּטאָלע דעם מאַלוועס, וואָס ער איז געוויס א גאנעוו און א צינדער און וואָס אין דער קאָרט, הייסט בא זיי מוישעלע און טאַקע נאָר רעב מוישעלע? באישער מוישע נאַפּטאָלעס האָט געלט, און ער ניט!...

היינט האָט אים פארדראָסן, לעמאי, אז ער קומט אמאָל אין א יאָנטעוו אין בעסמעדרעש ארײַן, האָט ער ניט קיין אָרט און באַדאַרף שטיין ערגעץ הינטערן באלעמער.

היינט האָט אים פאַרדראָסן, לעמאַי, אז סע קומט סימ־כעסטוירע צו האַקאָפעס, איז אָדער מע איז אים מעכאבעד צו דער לעצטער האקאָפע און מע רוקט אים ארײַן א טוי־רעלע מיט א צעריסן העמדל, אדער מע גיט אים גאָר קיין האקאָפע ניט.

היינט האָט אים פארדראָסן, לעמאַי האָט ער נאָך קיינ־מאָל ניט זוכע געווען, עמעצער זאָל אים שיקן רופן אף א סימכע, אף א בריס, אדער אף א כאַסענע, כאָטש קריגן האָט ער זיך מיט קיינעם ניט געקריגט, כאלילע בא קיינעם ניט צוגענומען, קיינעם ניט באַליידיקט, ניט באַרעדט, גע־לעבט גוט מיט איטלעכן באזונדער. טאָמער א טויווע טון א אידן, גיין פון עמעצנס וועגן אין מיטן באנאכט, איז מיטן גרעסטן קאָוועד, און פון העלפן אַן אָרעמאן מיט א קערבל—דאָס שמועסט מען ניט, וואָרום א קערבל האָט בא מאָשקען ביכלאַל קיין ווערט ניט...

— קערבלעך,—פלעג ער זאָגן,—איז פאַראַן בא גאָט אסאך און געלט איז קיילעכיק: היינט איז דאָס בא יענעם—מאָרגן בא מיר...

נאָר מער פון אַלץ האָט אים פאַרדראָסן, וואָס קיינער וויל זיך מיט אים ניט מעשאַדעך זיין, קיינער וויל אים ניט נעמען, קיין מיידל וויל פאַר אים ניט כאַסענע האָבן, דאָס לעצטע דינסטמיידל וויל ניט גיין פאַר אים; זי וועט, זאָגט זי, בעסער נעמען אַ שניידער אָדער אַ שוסטער, אבי ניט האָבן מאָשקעלע גאַנעוו פאַר אַ מאַן.

אָט אַזעלכע ווינע דיבורים האָט ער אַליין מיט זיינע אויערן געהערט פון אַ מיידל, לייע האָט זי געהייסן, און דאַפקע אַן אָרעם מיידל, אַ נאַקעטע, אַ באָרוועסע, און מע קאָן ניט זאָגן, אַז ס׳איז אים געווען שטאַרק איינגענעם אויסצוהערן אַזעלכע ווערטער, און פונדעסטוועגן האָט מאָשקעלע גאַנעוו פאָרט כאַסענע געהאַט, און דאַפקע גע- נומען אַ שיין מיידל, דאָס שענסטע פון אַלע מאַזעפעווקער מיידלעך. און א באַלעבאַטיש קינד דערצו און נאָך וואָס פאַר אַ באַלאַבאַטיש קינד!

דעם ערגסטן הונט קומט אָן דאָס בעסטע שטיקל — אַזוי האָט מען געזאָגט דערוף אין מאַזעפעווקע, און מע איז געווען גערעכט.

קאַפּיטל ה

כאַים כאָסידס טעכטערל טוט אָפּ אַ שיינע זאַך און מאַזעפּעווקע גייט אום כאָדאָראָם.

צו כאַים כאָסיד אין וויינקעלער קומען טרינקען ווייַן די גרעסטע אַדוינים פון שטאָט, טשינאָווניקעס, גאַלאָכים און גלאַט אַזוי באַלעבאַטים. מאַכמעס ערשטנס, איז באַ כאַים כאָסיד אין קעלער דאָס בעסטע גלעזל וויין, וועהאַ־שיינ׳ס, איז דאָרטן זייער אַנגענעם צו זיצן: כאַים כאָסיד, פאַרשטייט איר מיך, איז אַליין נישט אַזאַ צאַצקע א פאַר־שוין, ד׳ערפאַר האָט ער אָבער אַ ווייב, איז זי שיין ווי די וועלט, און טעכטער—איינע שענער פון דער אַנדערער. די „כאַימאָוואַ״ (אַזוי רופן זי די אַדוינים) מיט אירע טעכ־טער האָבן אַ שעם אין שטאָט, און איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן?—ס׳איז טאַקע געשמאַק אַ פריש גלעזל ווייַן נאָר־וואָס פונם צאַפּן, אַז אַ שיין ווייבל טראָגט אייך אונטער און שיינע מיידלעך דרייען זיך דערביי ארום. דאכט זיך גאָרניט, דער ווייַן וועט דערפון זיסער ניט ווערן, נאָר פאָרט אָנגענעמענער.

כאַים כאָסיד האָט דאָס געוואוסט גאַנץ גוט. די אַדוינ׳ים אַליין האָבן אים וויפל מאָל געזאָגט, געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ס׳איז באַ אים אַ „לאַדנאַ קוביטאַ״ (אַ שיין ווייב) און „קאָכאַני צורקי״ (ליבע טעכטער); ער האָט זיך אָבער ניט געמאַכט דערפון, ער האָט געקאָנט גאַנץ גוט זיין ווייב מיט זיינע טעכטער און האָט געקאָנט שלאָפן רואיק, זיין זיכער.

מע דאַרף ניט מער ווי מאַזעפּעווקע איז אַ שטאָט, וואָס האָט ליבריידן; אין מאַזעפּעווקע אַריינפאַלן אין אידישע מיילער, זאָל אייך גאָט שוימער אומאַצל זיין! פונדעסט-וועגן האָט אַף כאים כאָסידס ווייב מיט זיינע טעכטער קיינער קיין האָזע ניט געהאַט איבערקערן די צונג אַפּילע. דער, וואָס האָט שוין יאָ געוואָלט עפּעס ריידן, האָט ער נאָר געזאָגט, אַז „אַ שיין ווייב און שיינע טעכטער איז אַ סגולע צו פּאַרנאָסע".—און מער ניט אַ וואָרט.

נאָך אַזאַ מין האַקדאָמע קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטון אין שטאָט, אַז כאַים כאָסידס טאָכטער, צירעלע די שיינע, סאַמע די קלענערע און די געראָטענערע און די שטילערע פון אַלע, איז איינמאָל, פּייסעך נאָכן ערשטן סיידער איז דאָס געוועזן, אַנטלאָפן, און מיט ועמען אַנטלאָפן? מיט איינעם פון די אַדוינים, מיט אַ טשינאָווניק פון אַקציז, מיט מאַקסים טשוביגנסקי! און וואוהין אַנטלאָפן? אין מאָנאַסטיר אַריין! איר הערט? אין מאָנאַסטיר אַריין!

וואו נעמט מען די פען, וואָס זאָל באַשרייבן אַלצדינג, וואָס האָט זיך אָפּגעטון יענעם פּייסעך אין מאַזעפּעווקע? וואו נעמט מען די פאַרבן, מע זאָל אויסמאָלן דאָס בילד, ווי כאַים כאָסיד ליגט מיטן פּאָנים צו דער ערד און די גאַנצע שטאָט מיט אַלע קינדער מיט די דינסטן אַפּילע ליגן מיט די פענעמער אין די קישנס און וויינען אַסאַך מער ווי די פרומסטע אידן וויינען היינטיקע צייטן טישע-באָוו אַף כורבן בייסהאַמיקדעש. געקומען נאָכן עסן, האָט

זיך די גאַנצע שטאָט געוויגט; קינד און קייט זיינען געוועז זשינדרויסן, די מאָנאַסטערסקע גאַס איז געווען פאַרפלייצט מיט אידן, ווייבער, באָכורים און מיידלעך. די מאַיסעס, וואָס זיינען דערציילט געוואָרן דאָרטן מיט די פאָטשטן, וואָס זיינען געפלויגן יענעם טאָג און אַפן אַנדערן טאָג, און אַפן דריטן טאָג און אַלע טעג פייסעך, איז גאָרניט איבערדערציילן.

קאַפּיטל ו

כאַים כאָסידס איידעם עליע־נויעך פאלט אף אן אייצע.

אף דער הייסער שאָ האָט כאַים כאָסיד גאָרניט געקאַנט טון, ניט געוואוסט, וואָס זאָל ער טון, האָט ער זיך פאַר־שלאָסן באַ זיך אין כיידער, זיך געוואַלגערט אף דער ערד און נאָר געוויינט, און נאָר געוויינט, ערגער, טויזנט מאָל ערגער ווי מע וויינט אף א טויטן, וואָרום דאָרטן איז נאָר א ווייטיק, און דאָ איז א ווייטיק מיט א ביזאָיען איניינעם...

ניט אזוי אָבער האָט געטון די „כאַימאָווא“. זי איז אוועקגעלאָפן צו אלע גרעסטע אדוינים, און צום איס־פּראַוווניק אַליין געפאלן צו די פיס, געוויינט און געבעטן ראַכמים, מע זאָל זי כאַטש צולאָזן אף איין האַלבע שאָ צו צו דער טאָכטער, מער ניט. עס האָט ניט געהאָלפן קיין

ווײנען. דאָס אײנציקע, וואָס מע האָט איר געקאַנט העלפן, איז נאָר מיט א גוט וואָרט: זײ האָבן זי געטרײסט, אז מע וועט איר טאָכטער כאָלילע גאָרניט טון, אז זי וועט מיט גאָטס הילף זײן גליקלעך, וואָרום מאַקסים טשובינסקי איז זײער א פײנער, זײער אן אָרנטלעכער מענטש; זי וועט מיט אים געוויס האָבן אסאך א בעסער לעבן ווי מיט דעם „פּאוסיד" (כאָסיד) מיט דעם „איצקאָ" אָדער מיט דעם „בערקאָ", וואָס אירע עלטערן וואָלטן איר געגעבן פאר א מאַן...

אזוי האָבן דידאָזיקע גוטע מענטשן אויסגערעדט דער אָרעמער מאַמען דאָס פארביטערטע האַרץ, און די אָרעמע מאַמע האָט זיך ניט געוואָלט טרײסטן, געלאָפן פונדאָרטן צו די גאַלאָכים, צו די מאָנאַכעס פונם מאָנאַסטיר, זיך געוואַלגערט אף דער ערד, געקושט די פיס—עס האָט ניט געהאָלפן קײן ריבוינע שעל אוילעם!

איז אײנער פון כאַים כאַסידס אײדעמס געפאלן אף אן אײצע: מאָשקעלע גאַנעוו! דאָס הײסט, מע זאָל א בעט טון מאָשקעלע גאַנעוו, וואָלט ער געפונען א מיטל; ער ווײסט שוין ווי אזוי; אים באַדאַרף מען ניט לערנען...

אז מע טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אַ'ן א שאַרף פון א שווערד. כאַים כאָסיד האָט געשיקט רופן מאָשקעלע גאַנעוו, ער זאָל זיך מאַטריעך זײן קומען אף א פּאָר ווער-טער „מעקויעך זײער א נײטיקן איניען".

מאָשקע איז נאָר-וואָס געקומען צו פאָרן „פון דער ארבעט"... רײטנדיק אף א ברענענדיק פערד, ער האָט נאָך

אפילע ניט אָפּגעטרייסלט זיך פונם שטויב און איז א פּאַרפּראָשעטער, א הונגעריקער און א דאָרשטיקער אוועקגעגאנגען צו רעב כאים כאָסיד הערן, וואָס פאר א „נייטיקער איניען" קאָן דאָס זיין, כאָטש בא זיך האָט ער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אז דאָס באדארף זיין געוויס מעקויעך דער אנטלאָפּענער צירעלע, און דאָס הארץ האָט אים באַצייטנס אָנגעהויבן קלאפּן, אליין ניט צו וויסן פארוואָס.

ניט גרינג איז געווען כאים כאָסיד מיט זיין הויזגעזינד אָנצוהייבן מיט מאָשקעלע גאַנעוו דעמדאָזיקן שמועס. ניט גרינג איז אויך געווען פאר מאָשקעלע גאַנעוו א פרעג צו טון, נאָך וואָס האָט מען אים געשיקט רופן.ביידע צדאָדים זיינען געזעסן א היפּשע ווילע און געשוויגן.

האָט זיך געכּונעט איינער עליע-נויעך, דער עלטערער איידעם, א יונגערמאן א שיינער באל-לאָשן און א באלטאנאך, טראָגט א זיידענעם קאַשקעט אינדערוואָכן, שנייצט די נאָז בעריעש מיט איין פינגער, און איז ארויס פארן מייליץ יוישער פאר דער גאנצער שטוב מיט א מאַינע-לאָשן, געקייט די ווערטער, ווי מע קייט מאַצע.

— די מאיסע דערפון, הייסט עס, וואָס אונזער צירעלע, מיין אינגערע שוועגערן, הייסט עס, האָט זי דאָס... אוועק, הייסט דאָס, ניט אליין, דאָס הייסט אליין, נאָר דאָס... שטיגאָטערס, הייסט עס, אסאך... איז באדארף מען זי פונ-

דאָרטן, הייסט עס... דאָס... איז בא אונז געבליבן, אויב דו ווילסט, הייסט עס, מאכטייסע פּארדינען א קערבל...

דאָ האָט זיך עליע-נויעך אָפּגעשטעלט, א מאך געטון מיטן קאָפּ, ווי בעשאס מע שלינגט אראָפּ א בײנדל, און האָט א שנייץ געטון די נאָז מיט איין פינגער און געוואָלט ריידן ווייטער, האָט אים מאָשקעלע גאנעוו איבערגעשלאָגן און האָט אים אָפּגעענטפערט מיטן אייגענעם לאָשן, וואָס עליע-נויעך.

— די מאיסע דערפון, הייסט עס, וואָס דו ביסט א יאָלד און מיינסט ביסט א גרויסער כאָכעם. אַ שויפער, זאָגט מען, האָט א לאַנגן אָקס און קאָן קיין צונג ניט בלאָזן. דאָס קערבל, וואָס דאָס זאָגט צו דערפאַר, בין איך מענאדער אף דיין פּעטערס יאָרצייט, און לאָז מיין נאָמען ניט הייסן מאָשקע, אויב איך וועל צירעלען פון מאָנאסטיר ניט ארויס-נעמען, סיידן דער טויט וועט מיר זיין...

דידאָזיקע ווערטער זיינען געזאָט געוואָרן אזוי פעסט, מיט אזוי פיל הארץ, אַז דאָס גאַנצע געזינדל איז געבליבן זיצן ווי מע זאָגט „געגאפט אף די נעגל”. און אפילע עליע-נויעך, וואָס איז געוואָרן רויט און דערשוויצט פאר ביזאָיען, איז געוועזן צופרידן. געוואָרפן מיט אויגן אף אלע זייטן, און געשמאָרעט מיט דער נאָז און באלעקט זיך ווי א קאַץ בעשאס זי האָט געוואָלט פארזוכן דעם טאם פון פייסעכ-דיקער שמאַלץ... די „כאימאָווא”, וואָס איז געזעסן ביז אהער און געוויינט, האָט אופגעהערט ווײנען, געבראָכן די הענט און א זאָג געטון:

— אָמיין, האלעוואי, ריבוינע שעלוילעם, פון דיין מויל אין גאָטס אויערן!...

נאָר איין כאַים כאָסיד איז געזעסן דער קאָפּ אראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ניט געקאַנט קוקן קיינעם אין די אויגן אריין, גלייך ווי ער האָט עפּעס פאַרזינדיקט, עפּעס אָפּגעטון אזעלכס, וואָס איז גאָר א כאַרפּע אויסצוזאָגן. און אז ס'איז געקומען צו געזעגענען זיך, בײַשאַס מאָשקעלע גאַנעוו איז אופגעשטאַנען אוועקצוגיין, האָבן זיינע אויגן זיך אָפּגעשטעלט אף מאָשקען מיט אזויפיל צאַר און מיט אזויפיל האָפענונג, אז אן אנדערער אף מאָשקעס אָרט וואָלט צעגאַנגען געוואָרן פאַר ראַכמאָנעס. נאָר מאָשקעלע גאַנעוו איז צוגעגאַנגען גאַנץ פריילעך צו רעב כאַים כאָסיד, ארופגעלייגט אים ביידע הענט אף די פּלייצעס און א זאָג געטון צו אים, ווי מע רעדט צו א כאַווער, וואָס מע איז מיט אים גאָר „זאַפּאַני בראַטאַ".

— ניע ראַבּי, ס'וועט זיין רעכט!

אָט דאָס צוגיין פון מאָשקעלע גאַנעוו, אָט דאָס ארופלייגן די הענט, אָט דער „ניע ראַבּיי", דאָס אליין איז שוין אויך געווען א גענוגע מאַפּאָלע פאַר כאַים כאָסיד, וואָס האָט אף זיין לעבן נאָך ניט באַגעגנט זיך אפילע מיט מאָשקעלע גאַנעוו און ניט געהערט אים ריידן. נאָר אז גאָט וויל שטראָפן אַ מענטשן, שטראָפט ער אים פון אלע זייטן...

און כאַים כאָסיד דערמאַנט זיך אין איעוון מיט זיינע גרויסע צאָרעס, טוט ער א טיפן קרעכץ און זאָגט: „גאַם זו לעטויווע"...

קאפיטל ז

קערט זיך אום צוריק און שמועסט פון הויכע איניאָנים.

אויב א הויכע וואוקס, ברייטע פלייצעס, געזונטע פיס און א גרויסע פּאַטלע שווארצע געקרייזלטע האָר ווערט אָנגערופן שיין, קאָן מען זאָגן אף אונזער העלד, אז ער איז געווען א שיינער יונג. ער זאָל ניט זיין מאָשקעלע גאנעוו, וואָלטן זיך אין מאזעפּעווקע, קאָן זיין, געפונען אסאך מיידלעך, וואָס וואָלטן מיט פארגעניגן פאר אים געגאנגען און מע וואָלט אים נאָך געגעבן נאדן אויך. א סוואָרע איז, אז בא אייניקע מיידלעך אין מאזעפּעווקע האָט ער שטארק נויסעכיין געווען אין די אויגן, און אייניקע זיינען טאקע מאמעש אויסגעגאנגען נאָך אים, באגראָבן טיף בא זיך אין הארצן דעמדאָזיקן סאָד און אוועקגעטראָגן מיט זיך דעם סאָד עפּשער אין קייווער אריין.

אויך מיט כאים כאָסידס טעכטער פלעג זיך מאָש-קעלע גאַנעוו אָפּטמאָל באגעגענען שאבעס באטאָג אפן שפּאציר. זיי דורכנעמען דורך און דורך מיט די אויגן, דוירעס זיין, ווי מע זאָגט, מיט דער ריע. נאָר כאים כאָסידס טעכטער זיינען געווען אזוי ווייט פון אים און ער פון זיי, אז ער האָט אפילע מוירע געהאט צו טראכטן וועגן זיי אן איבעריקע מינוט, כאָטש זיי זיינען אים שטארק-שטארק געפעלן, און מער פון אלע די אינגסטע פון זיי—צירעלע.

מיט צירעלען האָט עני איינמאָל געהאט א באגעגעניש אין א שמאָל געסל, שיר-שיר ניט אָפּגעשטעלט זי און געשיינקט א קוש. א גליק, וואָס העגעך דער שויכעט מיט די פלעשלדיקע פּייעס איז אקוראט אָנגעקומען און האָט אנידערגעשטעלט זיינע קעלבערנע אויגן אפן דאָזיקן פּאָר, געקוקט גלאט אזוי, ניט אין זינען צו האָבן זיי, אפילע אין דער לינקער פּייע ניט.

דאָס אנדערע מאָל האָט זיך מאָשקע באגעגנט מיט איר בעשאס ער איז געפאָרן רייטנדיק און זי איז געגאַנגען מיט אירע שוועסטער צום טייך זיך באָדן. דערזען אים אפן פערד, האָבן זיך כאימס טעכטער אָפּגעשטעלט קוקן, ווי מאָשקעלע גאנעוו פאָרט רייטנדיק. מאָשקע האָט דערזען, אז מע קוקט אף אים, האָט ער אונטערגעפּידלט דאָס פערד און האָט זיך געלאָזט ווי א וויכער גלייך צום טייך און באלד צוריק, שטארק כיישעק געהאט פארבינדן מיט זיי א שמועס, נאָר ער האָט ניט געהאט דאָס אזעס אָנצוהייבן ריידן פריער איידער זיי ווערלן אים עפּעס פרעגן.

אויך זיי וואָלטן ווערלן מיט אים עפּעס א רעד טון, נאָר וואָס פאַר א פּאָנים האָט דאָס, אז כאים כאָסידס טעכטער זאָלן רעדן בעפּארהעסיע מיט א מאנסביל, און נאָך מיט וואָסער אַ מאנסביל--מיט מאָשקעלע גאַנעוו! און אזוי האָט ער זיך ארומגעדרייט פארביי זיי מיטן פערדל, אָפּגע-פירט זיי גלייך ביז צום טייך, זיך ארומגעדרייט דאָרט אביסל און געזען, אז זיי קאָנען זיך איבער אים ניט

אויסטון, איז ער אוועק מיטן פערד ווייט-ווייט אונטערן שטאָט און איז פארשוואונדן געוואָרן.

אזעלכע באגעגענישן איז באַ זיי געווען אָפטלעך, אַלע מאָל אָן ווערטער, און קיינמאָל איז צירלען אף דער מאכ־שאָווע ניט געקומען—וואָס איז די מאיסע, וואָס ער פלאָנטערט זיך אזוי אָפט פאר די אויגן? צירעלע, ווי אלע איבעריקע כאימס טעכטער, איז שוין געוואוינט געוואָרן, אַז מאנסבלען זאָלן אף איר קוקן. באַ איר פאָטער אין ווינקעלער איז זי געוואוינט געוואָרן אויך צו קאָמפלימענטן און צו ערגער נאָך, לעמאָשל: א גלעט איבער דער האַנט, א קניפּ אין בעקל, אוכעדוימע אזעלכע זאַכן, וואָס די „נאַכאַלן” קאָנען זיך ערלויבן...

ניט אזוי איז דאָס אָבער פאָרגעקומען באַ אונזער העלד, באַ מאָשקען. מאָשקע האָט זי ניט ארויסגעלאָזט פונם זינען אף קיין מינוט. צירעלע מיט איר געשטאלט, מיט איר שיין ליכטיק פּאָנים, מיטן קורצן נעזל און מיטן ווייסן גוידערל און מיטן ווייסן האלז, און אירע גרויע, אביסל בייזלעכע אויגן זיינען געשטאנען שטענדיק פאַר זיינע אויגן, סיי באַ־טאָג אף דער וואָר, סיי באַנאַכט אין כאָלעם... געפלויגן פייל אויסן בויגן העט ווייט אונטערן שטאָט אף אַ ברענענ־דיק פערד, פלעג ער ניט איינמאָל אויסשרייען הויך אף א קאָל איר נאָמען; ער האָט אויסגעזאָגט זיין הייליקן סאָד פאַרן שטילן ברייטן פעלד, דערציילט פאר דיביימער פונם גרי־נעם וואַלד זיין פאַרבאָרגענע ליבע צו כאַים כאָסידס טאָכ־טער און זיך אָן אייצע געהאַלטן מיטן קרישטאָלענעם טייכל,

וואָס פליסט אויף יענער זייט וועלדל: „וואָס טוט מען?”, „וואָס טוט מען?”...

נאָר ניט דאָס שטילע ברייטע פעלד, ניט דער גרינער וואַלד, ניט דאָס קרישטאָלענע טייכל האָבן אים געקאָנט ענטפערן, אן אייצע געבן וואָס מע טוט, און ער האָט א קיצל געטון דאָס פערד און איז געפלויגן ווייטער, ביכדיי צו פאַרפירן ווייט-ווייט זיינע פאַרבאָרגענע געדאַנ-קען, זיינע באַהאַלטענע געפילן...

אויב ס'איז געווען אַמאָל אין מאַזעפעווקע צווישן אידן איינער אַזעלכער, וואָס האָט ליב געהאַט בעמעס מיט דער הייליקער ריינער עמעסער ליבע, און אָן אַ שום כעשבן און אַ שום האָפענונג—איז דאָס געווען מאָשקעלע גאַנעוו.

קאַפּיטל ט

גייט אוועק אַביסל אָן אַ זייט, נאָר האָט א שאַיכעס מיטן ראָמאַן.

האָבן מיר זיך צערעדט פון הויכע איניאָנים, פון ליבע, באַדאַרף מען שוין דערציילן דאָס אויך, אַז אונזער העלד, מאָשקעלע גאַנעוו, האָט שוין אויף זיין לעבן „געשפּילט אַ ראָמאַן” און א טרויעריקן דערצו.

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען ער איז געווען נאָך א יונגער באָכער און פלעג ערשט אָנהייבן ארויספאָרן מיטן פאָטער, דעם נאָווי יוינע, אויף די יאַרידים.

געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין יאַרמעלינעץ אָפּן יאַריד, איז ער פאַרפאָרן מיטן פאָטער אין יענעם איינפאָר-הויז, וואו ס'שטעלן זיך אָפּ אַלע ליוועראַנטן, די פערד-הענדלער, פערד-גאַנאָווים און גלאַט גאַנאָווים, צום מיינסטן אידן מיט מאָדנע רויטע פּענימער, מיט ברענענדיקע אויגן, רירעוודיקע פאַרשוינען, קלוגע, דורכגעטריבענע, וואָס פאַר-שטייען זיך איינס דאָס אַנדערע אָפּן וואונק.

אויסגעוואַקסן צווישן גאַנאָווים, איז באַ אונזער מאָשקען ניט געווען קיין נאָווינע דידאָזיקע מינע פאַרשוינען, וואָס ריידן אַף זייער אייגענעם שפּראַך און וואָס קוקן זיך אַרום אלע מינוט אף אַלע פיר זייטן, לעבן אין שטענ-דיקע פּכאָדים, זיינען טאָמיד גרייט, אַז אָט-אָט קומען אָן די „שפּאָרן" (פּאָליציי), וועט מען זיי „טעכערן" (כאַפּן) און פארשטעקן אין קאָטשומענט אַריין...

נאָר אַזעלכע גאַנאָווים ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין יאַרמעלינעץ אָפּן יאַריד, האָט ער נאָך ניט געזען קיין מאָל. דאָס איז עפּעס גאָר פלאַם-פייער, מאַל-כע כאַבאָלע און געגוג. די מאַזעפּעווקער גאַנאָווים—די זיינען אינגלעך, יאָלדן*) אַקעגן זיי! ער האָט אַף זיין לעבן ניט געזען דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען דאָ אין יאַרמעלינעץ; ער האָט אַף זיין לעבן ניט געהערט דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט דאָ אָפּן יאַריד, און מאָשקע האָט זיך רעכט צוגעקוקט צו דידאָזיקע פאַרשוינען, גוט

---

*) איטלעכער, וואָס איז ניט קיין גאַנעוו, הייסט באַ גאַנאָווים מיטן נאָמען „יאָלד".

צוגעהערט זיך צו זייערע לעשווינעס און ער האָט מעשונע האַנאָע געהאַט פון זיין נייע באַקאַנטשאַפט, געקליבן פאַרגעניגן.

מער פון אַלעמען איז אים געפעלן דער „מיידאַנטשיק" (דער עלטערער) פון די „מאַרוויכערס" (קעשענע־גאַנאָווים). דאָס איז געווען אַן אַלט אידל אַ געפּאַקטס, מיט ברייטע פלייצעס, מיט אַ ברייטע צעלאָזטע גרויע באָרד, מיט קליינע שטאַרק רויטע אייגעלעך, וואָס האָבן אים טאָמיד געשפּילט און געפינקלט. דער קאָפּ איז בײַ אים געווען ווי צוגעוואַקסן גלייך צו די ברייטע אַקסלען אָן אַ שום האַלז, און אַז ער האָט זיך באַדאַרפט ארומקוקן, האָט ער זיך געמוזט אויסדרייען מיטן גאַנצן גוף. אויך די הענט זיינען בײַ אים געווען מאָדנע הענט, ניט ווי בײַ אַלע מענטשן. לאַנגע, ברייטע, מיט מאָדנע אויסגעבויגענע פינגער אַרויף. דידאָזיקע הענט מיט די מאָדנע פינגער, וואָס מאָשקע האָט אַף זיי אַזוי שטאַרק געקוקט, זיינען געווען געבענטשטע הענט, זעלטענע אויסגעצייכנטע פינגער, וואָס אַדאַנק זיי האָט ער באַקומען אַזאַ שיינעם נאָמען צווישן די גאַנאָווים. די דאָזיקע הענט מיט די פינגער אַז פלעגן זיך אַראָפּלאָזן צו יענעם נאָך א „מאַסע־אומאַטען" (אַ בייטעלע מיט געלט) אָדער נאָך אַ „בימבער" (אַ זייגערל), פלעג ער דאָס „שיסן" (אַוועקגאַנוועגען) אַזוי גרינג, אַז דער „שטימפּ" (דער באַגאַנוועטער) האָט ניט געקאָנט הערן, מע זאָל האָבן אַכצן פאָר אויערן. דערדאָזיקער אלטער איז אין די יונגע יאָרן ניט איין מאָל „געצינטעוועט" (געזעסן) אין דער „קאַלאַ-

מאַזשנע„ (טורמע) מיט אַלע „שפּרינגערס„ (וואָס שלאָגן אָפּ שלעסער) און מיט אַלע „דערקאַטשעס„ (גאַזלאָנים), ביז ס'איז אים נימעס געוואָרן און ער האָט זיך געשטעלט בא די „מאַרוויכערס„ פאַר אַ „מיידאַנטשיק„ און האָט זיי איינגעגעבן אין נאַדאַן אַריין זיינס אַ טעכטערל „סאָנקע„, וואָס האָט געהאט ביערושע פון איר פאָטער זיינע געבענטשטע הענט מיט זיינע אויסגעצייכנטע פינגער.

קאַפּיטל י

ער כאַפּט פּעטש גאָר אומגעריכט.

„סאָנקע„ איז אין יענער צייט נאָך ניט אַלט געווען קיין רעכטע פופצן יאָר, נאָר אויסגעזען האָט זי ווי אַ מיידל פון אַכצן, געבליט ווי אַ יונגע רויז, וואָס האָט נאָר-וואָס צעלאָזט די שיינע שמעקנדיקע סאַמעטענע בלעטעלעך; אַרויסגעקוקט אַף גאָטס וועלט לעבעדיק, פריילעך, מיט עמונע און מיט ביטאָכן, מיט עמונע, אַז די וועלט איז אַ גוטע, אַ זיסע וועלט, און מיט ביטאָכן, אַז די מענטשן זיינען גוטע, ערלעכע מענטשן...

סאָנקע איז געווען אַ טונקעלע, אַ שוואַרצע, נאָר אַ כענעוודיקע, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אייגעלעך, מיט כיינגריבעלעך אין די פּעכקע בעקעלעך און מיט קליינע ווייסע ציינדעלעך, וואָס מע האָט זיי שטענדיק געקאָנט אַרויסזען, ווארום זי פלעג

זייער אָפּט לאַכן און מיט איר געלעכטער מאַכן אויך אַלע-מען לאַכנדיק. דאָרט, וואו סאָנקע איז געווען, האָט ניט גע-קאָנט זיין אומעטיק: זי האָט מיט זיך געטראָגן אַ מין לעבעדיקייט, אַ מין פריילעכקייט, וואָס האָט געקאָנט צע-טרייבן די גרעסטע מאָרעשכוירע, ווי די זון מיט איר ליכ-טיקער שיין גאַנץ פרי טכילעס זומער, בעשאַס די פייגעלעך קלייבן זיך צונויף זאָגן שירע.

נאָר איין מאָשקע האָט זיך געפילט מיט איר עפּעס ניט ווי עס געהער צו זיין. עפּעס איז זי אים געווען ווי אַ ביין אין האַלז. ניט מאַכמעס ער האָט זי ניט געקאָנטליידן, כאָלילע! אדעראבע, דעם גאַנצן טאָג, וואָס זי איז געווען „אַף דער אַרבעט", האָט ער נאָך איר געבענקט ווי נאָך אַן אייגענער, ווי נאָך אַ שוועסטער. נאָר אַז זי איז געקומען, זיך איבערגעטון און געזעצט צום טיש מיט אַלע „מארוויכערעס", געגעסן, געטרונקען מיט זיי אינאיינעם און געלאַכט ווי איר שטייגער איז, האָט דאָס אים נע-שטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ. און מער פון אַלע האָט אים געברענט אַף איר, וואָס זי איז געווען צוגעלאָזט צו איינעם אַ יונגנמאַן מיט אַ געשטופּלט פּאָנים און מיט איין אויג, וואָס פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ גוטער „שניפּער" (אַ נאכט-גאַנעוו) און אַ בעריע א „וועשער" (וואָס באַגאַנוועט שלאָפנדיקע). מיט אים פלעגט סאָנקע זיך אָפּט סוידען און אַרויסגיין אפטמאָל באַנאַכט „אַף דער אַרבעט"—און דאָס האָט מאָשקע ניט געקאָנט פאַרדייען. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געקליבן איר זאָגן, איר פירהאַלטן דאָס, נאָר עס האָט

זיך אַלץ ניט אויסגעמאַכט. ביז ער האָט זי איינמאָל גע־פּאַקט, בעשאַס זי איז אַרויסגעגאַנגען איינע אַליין אַפן יאַריד אָנגעטון אין מאַנסבלשע קליידער.

מאָשקע האָט זי אָפּגעשטעלט און ס'איז צווישן זיי פאָרגעקומען אַזאַ מין געשפּרעך:

ער: „שטיי, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן".

זי: „ווער ביסטו?"

ער: „האָסט מיך ניט דערקאָנט? מאָשקע פון מאַזע־פּעווקע, דעם נאָווי יוינעס זון".

זי: „וואָס ווערסטו זאָגן דעם נאָווי יוינעס זון פון מאַזע־פּעווקע?"

ער: „וואָס פאַר אַ מעכוטן איז מיט דיר אָט אַ יענער שניפּער דער געשטופּלטער?"

זי: „וואָס גייט עס דיך אָן, דו יאָלד איינער?"

ער: „אָט טו איך איין פייף ווערסטו וויסן וואָס פאַר אַ יאָלד איך בין".

און איידער אונזער מאָשקע האָט זיך ארומגעקוקט, איז אים געפלויגן אַזאַ שארפער, הילכיקער קלינגענדיקער פּאטש פון סאנקעס הענטל מיט אירע אויסגעצייכנטע פינגער, אז ער איז גאָר פריטשמעלעט געוואָרן, ניט אזוי פונם פּאַטש, ווי פאַר ביזאָיען, אז ער, מאָשקע, זאָל כאפּן אַ פּאַטש פון אַ מיידל! נאָר דאָס אליין וואָלט נאָך געווען נישקאָשע, ווען קיינער זאָל כאָטש ניט וויסן. ערגער פון אלץ איז גע־

ווען דאָס, וואָס סאָנקע אליין, אז זי איז געקומען פון דער ארבעט אהיים, אף דער אכסאניע, האָט זי דאָס אויס־געפּויקט, דערציילט דעם גאנצן אוילעם, בעשאס מאיסע שטארק געלאכט, באוויזן איטלעכן אירע ווײַסע ציין.

מאָשקע איז גערן געווען, אז עס האָט זיך געענדיקט דער יאריד און איז אוועקגעפאָרן מיטן פאָטער אהיים, אוועקגעפירט מיט זיך אין הארצן דעם פּאָרטרעט פון סאָנ־קעס הענטל מיט אירע אויסגעצייכנטע פינגער, דעם פּאָר־טרעט, וואָס ער האָט אים לאנג-לאנג נאָכדעם ניט גע־קאָנט פארגעסן, דער פּאָרטרעט, וואָס פלעג אים קומען אָפּט צו כאָלעם, דערמאָנען אים יענעם שאַרפן, הילכיקן, קלינגענ־דיקן פּאַטש און יענעם שארפן, הילכיקן, קלינגענדיקן גע־לעכטער.

נאָר דאָס איז געווען אזוי לאנג, אז דער פּאטש האָט זיך פארהיילט און דער ראָמאן האָט זיך פארגעסן. די צייט איז אַ וואוילער דאָקטער, וואָס פארהיילט אלע וואונדן.

וואָס וואָלטן מיר געטון אָן דעם דאָקטער?!

קאפּיטל יא

ער פאלט אף אן אייצע.

נאָך אז ער איז געגאנגען אהין צו כאים כאָסיד אין שטוב ארײַן איז שוין בא אים אין קאָפּ געווען פאַרטיק אַ גאַנצער פלאַן, און ניט נאָר איין פלאן, עטלעכע מיט אמאָל.

איין פלאַן איז באַ אים געווען אַזעלכער: ער וועט זיך איבערטון אין מאלבושים פון אַ מאָנאך. דער אנדער פלאַן איז בא אים געווען, אז ער וועט זיך פארשטעלן פאַר א בעטלער. נאָך אַ פלאַן איז באַ אים געווען, ער זאָל זיך אָנטון ווי אַ טשינאָווניק פון אקציז, צופאָרן צום מאָ-נאסטיר און הייסן זיך ארויספירן פונדאָרטן דאָס אידישע מיידל, כאפן צו זיך אפן פערד און אנטלויפן מיט איר וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט.

די אלע פראָעקטן, אז ער האָט זיי רעכט צעקייט, האָט ער ארויסגעזען, ווי נאריש זיי זיינען און ער האָט זיי נאָכדעם אליין מעוואטל געווען און האָט צוגעטראכט גאר אַ נייעם פלאן, א גרויסן און אַ געפערלעכן פלאן.

ער איז געקומען אין מאָנאסטיר אריין, גלייך צום עלטסטן און האָט אים אויסדערציילט זיין גאנץ ביטער האַרץ, אזוי ווי בא די אידן איז ער אַ „לוי יאָווע באקאָ-האָל", קיינער וויל מיט אים ניט האָבן קיין מאַגע אומאַסע, קיינער וויל זיך מיט אים ניט מעשאדעך זיין, און מע רופט אים מיט זייער א שענדלעכן נאָמען „גאנעוו". וויל ער ווערן אַ באלטשואווע, איבערבייטן די מעלאָכע, דעם נאָמען און דעם גלויבן; נאָר מאכמעס ער האָט מוירע די אידן זאָלן אים ניט דעקוטשען, בעט ער, מע זאָל אים באשיצן פון אידישע הענט.

דער עלטסטער האָט אים אויסגעהערט, איבערגעפרעגט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און האָט אים צוגענומען, אים געגעבן אן אָרט אין מאָנאַסטיר און מאַווטיעך געווען, אז

עס ווערט אים, כאלילע, גאָר ניט שאַטן—און מער האָט מאָש-קעלע ניט געוואָלט. ער האָט נאָר באַדאַרפט האָבן, אז צירעלע זאָל זיך פאַרינטערעסירן מיט דעם נייעם פאַרשוין, וואָס איז אריינגעטראָטן אין מאָנאַסטיר אריין, און זאָל זיך וועלן מיט אים באַקאַנען, און זיין כעשבן איז געווען אַן עמעסער כעשבן.

צירעלע, וואָס איז געזעסן איינע אליין ווי אין געפענ-קעניש, מע האָט ניט צוגעלאָזט צו איר קיינעם, אז זי האָט דערהערט, אז א מאַזעפּעווקער יונגערמאַן איז געקומען אין מאָנאַסטיר אריין אָנעמען דעם נייעם גלויבן, האָט זי ריישיס זייער געוואָלט וויסן ווער איז דער איד? און אגעוו האָט זיך איר געוואָלט אָפּנעמען אַ גערוס פונדערהיים, פון אירע אייגענע, וואָס דאָס הארץ האָט איר ניט אופגע-הערט צו זיי ציען; און ווי ווייט איבעראַשט איז זי געווען, אז זי האָט דערזעען פאַר זיך מאָשקעלע גאַנעוו!

צירעלע האָט אים גוט געקאָנט, וואָרום ווער קאָן ניט מאָשקעלע גאַנעוו אין מאַזעפּעווקע? און זי האָט ניט פאַר-שטאַנען, וועלכעס האָט אים געקאָנט ברייגגען אהער צו טראָגן, אזא פריי פייגעלע ווי ער איז, וואָס ער קאָן טון וואָס ער וויל און וואָס זיין האַרץ גלוסט? זי האָט זיך ניט געשעמט, אליין צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט, וואָס זאָל דאָס באַטייטן?

האָט זיך מאָשקע פאַר איר מוידע אוֹמיסוואָדע געווען, איר אויסדערציילט זיין גאַנץ ביטער האַרץ, אזוי ווי בא אידן איז ער אַ לוי יאָווע באַקאָהאל, קיינער וויל מיט אים ניט

האָבן קיין מאַגע אומאסע און אזוי ווייטער, פונקט דאָס אייגענע, וואָס ער האָט געזאָגט פארן עלטסטן, און האָט אויסגעלאָזט מיט אַ זיפץ, כאָטש ס'איז אים געווען זייער שווער צו גיין אַהער, נאָר דאָס לעבן איז אים געווען אזוי ביטער, אזוי ביטער...

האָט אף אים צירעלע שטארק ראכמאָנעס געהאַט, אים געטרייסט און אויסדערציילט פאר אים אויך אירע צאָרעס, וויאזוי זי האָט זיך אויך לאַנג געראנגלט מיט זיך אליין, ביז זי האָט געפויעלט בא זיך אוועקווארפן טאטע און מאמע, שוועסטער און ברידער, וואָס סע טוט איר ווי דאָס הארץ אף זיי און קאָן זיי גאָר ניט העלפן! „ס'איז אַ פארפאַלענע זאך, האָט זי אויסגעלאָזט, אַ פארפאַלענע זאַך, ווארום טייקעף נאָך זייער יאָנטעוו"...

בא די ווערטער „זייער" יאָנטעוו האָט זיך צירעלע פאַרכאפט און געוואָרן רויט ווי פייער, זיך אָפגעזעגנט מיט מאָשקען ביז מאָרגן, מאָרגן וועלן זיי זיך מיסטאמע זען נאָכאַמאָל אין מאָנאסטירסקע הויף?

— אָדער עפשער אין גאָרטן?—האָט ער איר געענטפערט.

— אָדער עפשער אין גאָרטן—האָט אים צירעלע נאָכגעזאָגט.

קאַפּיטל יב

אַ שפּאַציר אין מאָנאַסטירסקע גאָרטן.

זינט מאָשקע געדיינקט זיך פאַר א מענטשן האָט זיך אים נאָך ניט געטראָפן, ער זאָל אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפן

און זיין אין אזעלכע פכאָדים. מאָשקע האָט שוין גע־פּרואווט שפּרינגען רייטנדיק צען מייל אין איין נאַכט אָן אַן אָפּשטעל; ער האָט שוין געפּרואווט „פּלייטעווען“ מיט „אָפּגעשפּיליעטע“ פערד, הערן אונטער די פּלייצעס ווי מע שיסט אױף אים; ער האָט געפּרואווט שפּרינגען איבער פּלויטן, שווימען איבער וואַסערן, שטיין באַ דער גרעסטער סאַקאָנע; נאָר אַזאַ נאַכט ווי אין מאָנאַסטיר האָט ער נאָך ניט געהאַט קיינמאָל אױף זיין לעבן. ווי א לייב אין שטייג האָט ער ארומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן כיידערל, געקוקט אלע מאָל אין פענצטער, געוואָלט ס'זאָל שוין ווערן טאָג. און אז גאָט האָט געהאָלפן ס'איז געוואָרן טאָג, האָט מאָשקע געגעבן צו וויסן, אז ער גייט אין שטאָט אריין אױף אַ שאָ צייט אכטונג געבן, וואָס טוען די פערד־לעך זיינע, און עס האָט טאַקע מער ניט געדויערט ווי איין שאָ, איז ער צוריק געקומען אַ פאַרסאַפּעטער, ווי א מענטש, וואָס האָט נאָר־וואָס אָפּגעטון זייער אַ שווערע אַרבעט.

די מאָנאַכעס פון מאָנאַסטיר האָבן זיך געוואונדערט, וואָס די הענט זיינען באַ אים אזוי צעדראַפּעט, גלייך ווי ער וואָלט געשפּרונגען איבער א פּלויט... האָט ער זיי באַ־רואיקט, געזאָגט, אז ער האָט זיך געפּאָרעט מיט די פערד, און איז אוועקגעגאַנגען צום עלטסטן טשואווע טאָן...

באַטאָג, ווען די מאָנאַכעס עסן אָפּ און לייגן זיך שלאָפן אָדער זיי נעמען זיך צו אַן ארבעט און דער גאַנצער מאָ־נאַסטיר רוט, מע זעט ניט קיין פרעמדן מענטשן, קיין דאַוונערס, קיין בעטלערס, פּלעג צירעלע ארויסגיין אַפן

הויף אביסל, שפּאַנען פון איין עק צום אנדערן, אָן א שום ציל. נאָר גלאַט אזוי „אפן שפּאַציר". איצטיקס מאָל האָט זיך צירעלע ארומגעקוקט אף אלע זייטן, געזוכט עמעצן מיט די אויגן, און זי האָט דערזען פונדערווייטן מאָשקע שפּאַנט מיט זיינע גרויסע פיס, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ פריינטלעך שמייכעלע, וואָס בא מאָשקען האָט זיך דערפון אָנגעצונדן אַ פייער אין האַרצן, א העליש פייער, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן ווי ווייט מעגלעך, צוגעגאַנגען און אַנידערגעזעצט זיך אף אַן אויסגעהאַקטן בוים, וואָס איז געלעגן אין הויף...

— קום, וואָס ווען מיר זיצן? האָט זיך אָנגערופן צו אים צירעלע.

— וואוהין?

— איבערן הויף.

— עפשער אין גאָרטן?

צירעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט אף אַ ווײַלע, א טראַכט געטון און געזאָגט צו אים:

— אין גאָרטן?—אין גאָרטן.

דער מאָנאַסטירסקע גאָרטן אין מאַזעפעווקע—דאָס איז א מין פעסטונג, וואָס פונדרויסן איז שווער אהינצו ארייגקומען. פון איין זייט, וואָס גייט צו דער שטאָט, איז ער געצאַמט מיט אַ הויכן שטיינערנעם פּאַרקאַן, באַוואָקסן מיט בלעטער, און פון דער אנדערער זייט, וואָס אונטער דער שטאָט, איז ער אַכוץ ארומגעגראָבן מיט אַ קאַנאַווע און באַוואקסן מיט שטעכעלקעס. דער גאָרטן אליין איז

איינע פון די גרויסע כידושים, א מין „גאניידן האַטאַכטן", ווי מע זאָגט אין מאַזעפּעווקע, כאָטש קיינער פון די מאַזעפּעווקער אידן האָט דאָרטן אינווייניק נאָך ניט געהאַט די זכיע צו זיין. דאָס איינציקע, וואָס די מאַזעפּעווקער אידן האָבן פון אים, איז נאָר דאָס, וואָס זומער שמעקן זיי זיך אָן דעם רייעך פון די ביימער, וואָס דאָס ווינטעלע פאַרטראָגט צו זיי, און הערן זיך אָן דאָס זינגען פונם סאָלאָוויי, וואָס לאָזט זיך הערן פונדאָרטן אין די ווארעמע זומער-נעכט.

פּייסעך-צייט. עס האָט זיך נאָר-וואָס אופגעכאַפּט די ווֶעסנע; עס האָט נאָר-וואָס אופגעלעבט די נאטור; עס איז נאָך ניט געווען רעכט גרין די ערד, און די ביימער פונם מאנאסטירסקן גאָרטן האָבן נאָר-וואָס אָנגעהויבן אַרויסלאָזן געלע פּיטעמלעך, וואָס אָט-אָט, לאָז נאָר גוט א וואַרעם טון די זון, צענעמען זיי זיך און באווייזן זיך ארויס מיט קליינע גרינע בלעטלעך. פריש, מעכאַיעדיק פריש האָט געשמעקט די ערד, נאָך ניט רעכט אויסגעטריקנט, ערטער-ווייס צוגעדעקט שוין מיט גרינעם סאַמעט, און עטלעכע פייגעלעך האָבן זיך ארומגעדרייט צווישן די צווייגן, געשפּרונגען פון איין בוים אַפן אַנדערן, זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעשפּאַרט די פּיסקעלעך, געבלינצלט מיט די אייגעלעך, געפּישטשעט שטילערהייט, זיך אָנגעזאָגט איינס דאָס אַנדערע אַ בסורע, אַז סע גייט צו זומער.

אין אַזאַ צייט גלוסט זיך נאָך מער איבדרויסן ווי אין רעכטן זומער. אין אזאַ צייט איז די שיין פון דער זון

שטאַרק אָנגעלייגט, איטלעכער שטראַל אירער איז אַ מאַ־טאָנע פון גאָט, און דער מענטש פילט, אז ער האָט עפּעס אַ שאַיכעס מיט דער ערד און מיט אַלץ, וואָס סע טוט זיך אַף דער ערד, און מיט דער גאַנצער גרויסער וועלט, מיט דעם, וואָס האָט באשאפן דידאָזיקע גרויסע וועלט.

ביידע, אי צירעלע אי מאָשקע, זיינען געגאַנגען שטיל, פאַרטיפט איטלעכער אין זיינע מאכשאָוועס, איבערגעגעבן איטלעכער צו זיינע געפילן. ביידע, אי צירעלע אי מאָשקע, זיינען געווען אין די אוילעמעס האָעליוינים, אינם גאניידן, וואָס זיין נאָמען איז „ליבע", דאָס איז געווען יענע ליבע, וואָס פרעגט ניט קיין קאַשיעס, וואָס ווייס ניט קיין איבער־שלאָג, וואָס דארף ניט קיין פיירעש. דאָס איז געווען יענע ליבע, וואס רייסט אייזערנע קייטן, וואָס ברעכט שטארקע מויערן, וואס צעשיידט די נאענטסטע און בינדט צונויף די וויטסטע. דאָס איז געווען יענע ליבע, וואָס טוט מאיסים אַשער לוי יאַסו...

קאפיטל יג

היינער לייגן אייער, אידישע טעכטער קינדלען.

אויסגעוואַקסן אין אַזאַ שטוב ווי באַ כאים כאָסיד, אונטער דער האשגאָכע פון אַ פרומען טאטן און פון אן ערלעכע מאַמע, און געזען פאַר זיך וואָס פאר אַ לעבן אירע עלטערע שוועסטער האָבן געמאַכט, וואָס פאַר אַ

מאַנען מע האָט זיי געגעבן, איינער נאַרעשער פֿונם אַנדערן, האָט צירעלע טאָמיד געכאַלעמט פֿון אַן אַנדער מין לעבן. איר האַסאָגע איז געווען ניט די, וואָס בײַ אירע עלטערע שוועסטער, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז געווען נאָר טראָגן און האָבן און זויגן, און נאָכאַמאָל טראָגן, און ווידעראַמאָל האָבן, און אָבעראַמאָל זויגן. קיין פֿרייע מינוט, קיין לעבעדיקע שאָ, נאָר געדיינקען די ווערטער „לעשות רצון בעלה״— טון דעם מאַנס ווילן...

ניט איין מאָל פֿלעג זיך צירעלע פֿאַרטראַכטן אַף דער דאָליע פֿון אַ אידישער טאָכטער, וואָס האָט אויסגעזען בײַ איר אין די אויגן ווי די דאָליע פֿון אַ הון אַ קוואָקע, וואָס זיצט אַף די אייער, וואַרעמט זיי אויס ביז סע פּיקען זיך אויס הינדעלעך; נאָכדעם הייבט זי אָן ווידער קוואַקען, טראָגן פֿרישע אייער און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער...

אויב עס וועט אייך ניט זשענירן דאָס פֿאַרגלייכן, באַדאַרף איך אייך זאָגן, אַז בײַ כאַים כאָסיד איז געווען אַ שטוב פֿון גאָלע קוואָקעס, אַ פֿאַבריקע פֿון קינדער. אַלע טעכטער האָבן כאַסענע געהאַט יונגערהייט, איינע נאָך דער אַנדערער, פֿאַר זיידענע יונגעלייט, שיינע איידעמלעך, געזעסן אַף קעסט און געקינדלט. און כאַימס ווײַב אַליין, וואָס איז געווען ניט קיין אַלטע אידענע, האָט אויך געהאַלט אין רעכטן קינדלען, אַזוי אַז צום טיש זיינען געגאַנגען טאָמיד עטלעכע מאַמעס זויגערנס. פֿון די וויגעלעך האָט זיך טאָמיד געלאָזט הערן אַ פּישטשען פֿון עטלעכע פּיסקליאַטעס, מע קאָן זאָגן, אַז ס׳איז קימאַט ניט געווען דער

כוידעש, אַז באַ כאים כאָסיד זאָל ניט זיין עפּעט אַ סימכע: אַ מאַזלטאָוו, אַ בענזאָכער, א בריס, אַ פּידיען-האַבּען. אָדער אַן אומגליק: דאָס קינד מאָזלט, יענץ גליט אף פּאָקן, דאָס האָט דיפטעריט, יענץ סקאַרלאַטינע, און די מוטערס האָבן געהאט צו טון טאָג ווי נאַכט, די מיט שווער טראָגן, די מיט א ברוסט, די מיט אן אַם, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן אין מיטן זויגן, די מיט אַ ניאַנקע, וואָס האָט שיר ניט געמאַכט דאָס קינד פאַר אַ קאַליקע—אַ שטענדיקער טאראַראַם, א טומל, אַ הו-הא.

אין דעמדאָזיקן טומל איז געקומען רעב שאָלעם שאדכן רעדן אַ שידעך דער אינגסטער פון די טעכטער, צירעלע, און צירעלע האָט אויסגעהערט דעם גאַנצן שמועס פון רעב שאָלעם שאדכען, אַז ער רעדט איר אַ שידעך אף דעם שניט פון יענע פריערדיקע שידוכים. א „טאטנס אַ קינד", פון א שיין אָרט, אַ לייטישן שידעך, און עס האָט זיך איר פאָרגעשטעלט, אַז מע האָט איר שוין געגעבן אַזאַ מאן ווי אירע עטלעכע שוועסטער, קעמוי ווי א מין עליענויעך, אַ שיינער באל-לאָשן און אַ באַלטאַנאַך מיט אַ זיידענעם קאַשקעט אינדערוואָכן, און שנייצט די נאָז בעריעש מיט איין פינגער, און זי האָט שוין כאַסענע געהאט פאר אים, און זי האָט שוין אנגעהויבן קינדלען, און זי האָט שוין צו טון מיט דער ברוסט, מיט דער אם און מיט דער ניאנקע— און ס'איז איר נימעס געוואָרן די וועלט, דאָס לעבן און די מענטשן, און זי האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז זי וועט אַזוי ניט כאסענע האָבן ווי אירע שוועסטער האָבן כאַסענע

געהאט; זי וועט אַנדערש אופּבויען איר לעבן. ווי אזוי? — דאָס האָט זי נאָך אַלץ ניט געוואוסט אקוראט.

סאַמע אין יענער צייט האָט זי זיך באקאנט מיטן נייעם אַקציזנע טשינאווניק, מאַקסים טשובינסקי.

קאפּיטל יד

רעדט פון פילאָסאָפיע, פון ליבע און פון נאָך זאַכן.

דער נייער אַקציזניק, מאקסים טשובינסקי, אז ער איז אנגעקומען קיין מאַזעפּעווקע, האָט ער געוויינטלעך געמאַכט אַ וויזיט דער „כאַימאָווע" אין קעלער, פּאַרזוכט כאימס „ווימאָראָזיק", וואָס איז געמאַכט פון ראָזינקעס, וואָס אַלע אדוינים ווייסן דאָס גאַנץ גוט און פונדעסטוועגן טרינקען זיי אים גערן און זאָגן, אַז ער איז גאָר ניט שלעכט, בי־פּראַט, אַז דעם „ווימאראזיק" דערלאַנגט איינע פון כאַי־מאָוואס טעכטער, אוביפּראַט נאָך די אינגסטע פון זיי, צירעלע אָדער ווי די אַדוינים האָבן איר אַ נאָמען געגעבן „פאַנאַ צעציליאַ".

„פאַנאַ צעציליאַ" איז געווען דאָ איטלעכן פון זיי אַ גאַדלעס, אַז זי האָט דערלאַנגט צום טיש, און ס'איז געווען לאַוו קאָל אָדאָם זויכע, אַז „פאַנאַ צעציליאַ" זאָל דערלאַנגען דאָס ביסל ווייַן. און מאַכמעס טשובינסקי איז געווען אַ נייער גאַסט און אַן אַקציזניק, האָט די כאַימאָוואַ געזען, צירעלע

זאָל ניט אָפּטרעטן, באַדיגען די געסט ווי געהער צו זיין. און צירעלע האָט ניט אָפּגעטראָטן און באַדינט די געסט ווי סע געהער צו זיין, און די געסט האָבן זיך באַרימט פאַרן נייעם אַקציזניק מיט זייער „זשידאָוועטשקע", זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער, אפּאָנים, זייער קלוגע און זייער שאַרפע, מאַכמעס זיי האָבן בעשאס מאַיסע עפּעס מעשונע געלאַכט און איבערגעוואונקען זיך איינס מיט דאָס אַנדערע עפּעס זייער מאָדנע...

איין משובינסקי האָט ניט געלאַכט. פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער האָט דערזען אָט דאָס שיינע אידישע מיידל, איז ער געווען פאַרטראַכט, זיך געבראָכן דעם מויעך, וואו האָט ער זי געזען?

עס האָט זיך איין געטראָפן מינאַסטאם זיך באַגעגענען אונטערוועגנס מיט אַ פאַרשוין, וואָס עס דאַכט זיך אייך אויס, אַז איר האָט אים שוין ערגעץ געזען, אָדער הערן אַ געדאַנק, וואָס עס דאַכט זיך אייך אויס, אַז איר האָט אים שוין ערגעץ געהערט, נאָר ווען און וואו—דאָס קאָנט איר בעשומויפן ניט דערמאָנען זיך. געלערנטע מענטשן זאָגן דערויף פאַרשיידענע סוואָרעס און מיינונגען, גיבן דאָס צו פאַרשטיין אל-פּי כקירע, אז צווישן מענטשן איז פאַראַן אַ מין מאגניט, וואָס ציט איינס צום אַנדערן, אַ מין קויעך, וואָס טרייבט איינס צום אַנדערן פון מערכאָקים, נאָך איי-דער מע האָט זיך געזען, נאָך איידער מע האָט געהערט איינס פונם אַנדערן. די פילאָסאָפן האָבן ניט וואָס צו טון; זיי רעדן אַזויפיל ביז זיי דערריידן זיך צו אַזעלכע זאַכן,

ווי, אַשטייגער, דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן באַ אונז אַ „זיוועג". א שיינע מאיסע—מאַקסים טשובינסקי און כאַים כאסידס טאָכטער—א זיוועג!.. נאָר לאָמיר אוועקוואַרפן די פילאָסאָפיע און אומקערן זיך צו אונזער ראָמאַן.

פאַראַן אַ שפּראַך אַף דער וועלט, וואָס האָט ניט קיין אַלעפבייס, קיין גראַמאַטיקע, קיין לעקסיקאָן, קיין ווערטערבוך. סימפּאַטיע הייסט די שפּראַך; ניט מיטן מויל—מיט די אויגן רעדט מען אף איר: איין קוק אַ רעכטער—און פאַרשטאַנען! אַ קוועטש באַ דער האַנט—און פאַרטיק.

אַף דערדאָזיקער שפּראַך האָבן זיך דורכגעשמועסט אונזערע העלדן, און, אַפּאָנים, מע האָט זיך גיך פאַרשטאַנען איינס דאָס אַנדערע, וואָרום ס'איז ניט אוועקגעגאַנגען קיין כוידעש צייט פון זינט טשובינסקי איז אנגעקומען קיין מאַזעפּעווקע, האָט שוין די פּאָסט אוועקגעפירט אַ בריוו צו זיין איינציקן גוטן פריינט, צו זיין מוטער ערגעץ ווייט אין סאַראַטאָווער גובערניע, וואו ער איז זיך פאַר איר מוידע אומיסוואַדע, דערציילט איר די גאַנצע מאַיטע, ווי אַזוי ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ אידיש מיידל, וואָס ער האָט שוין לאנג געטראָגן איר געשטאַלט באַ זיך אין האַרצן, ווי אַזוי ער האָט זיך איינגעליבט אין איר ביז צום שטאַרבן... ווי אַזוי ער האָט זיך לאנג געשלאָגן מיטן יעיצערהאָרע און מיטן סאָטן און האָט סאָפקאָלסאָף געפּויעלט באַ זיך ער זאל זיך איר אנטדעקן, אויסזאָגן דעם סאָד, אז ער קאָן אָן איר ניט לעבן... ווי אַזוי דאָס מיידל, אז זי האָט דערהערט פון אים דידאָזיקע ווערטער, האָט זי אָנ-

געהויבן וויינען און זאָגן, אַז צום אומגליק קען פון דעם גאָרניט זיין, געגעבן אים אנצוהערעניש, אַז זי איז אַ אידישע טאָכטער... ווי אזוי ער האָט זי גענומען טרייסטן און אויסווייזן, אז ס'איז דאָ זאַכן אזעלכע, וואָס שטייען העכער פון אלצדינג אף דער וועלט, וואָס צוליב זיי פאַרלאָזט מען די היים, מע געזעגנט זיך אָפ מיט עלטערן, מע בייט אויס אלצדינג אי די היים, אי דעם נאָמען, אי דעם גלויבן... ווי אַזוי זי האָט ערשט אָנגעהויבן צו וויינען, אַז זי האָט דערהערט פון אים אַזעלכע ווערטער און איז פונדעסטוועגן געפאלן אים אפן האַרצן, אָנגעהייבן בעטן באַ אים, ער זאָל איר געבן כאָטש עטלעכע טעג צייט אַף צו באַקלערן זיך... און נאָך זאַכן האָט מאַקסים טשובינסקי געשריבן דער מוטער, נישט פארלייקנט פון איר קיין וואָרט, אזוי ווי ער איז געוואוינט געוואָרן פון טאמיד אָן גיין מיט איר נאָר מיטן עמעס...

דערויף האָט מאַקסים באַקומען פון זיין מוטער א טשוואווע אין קורצן, אַז אויב דאָס מיידל, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, איז ווערט צו טראָגן דעם נאָמען טשובינסקי (און זי איז אין דעם ניט מעסופעק, ווארום זי איז באַגלויבט אין איר זון), און אויב זיינע געפילן צום מיידל זיינען אף אזויפיל ערנסט, אַז אַנדערש קען דאָס ניט זיין, שיקט זי איר ליבן זון אַ בראָכע, און ווינשט אים ס'זאָל זיין אין אַ גוטער שאָ, און האָפט, אז גאָט וועט אים געוויס מויכל זיין, וואָרום ער איז מעקאַיעם א נעפעש, און אַזוי ווייטער, ווי געוויינטלעך אַ מוטער שרייבט צו א קינד.

קאַפּיטל טו

אידן קויפן וויין אף אַרבע קויסעס.

אַ גאַנץ יאָר איז כאַים כאָסידס קעלער אָפן פון די אדוינימס וועגן, דערפאַר אָבער, אַז סע קומט ערעוו-פּייסעך איז כאַים כאָסיד מיט זיין הויזגעזינד און מיטן קעלער און מיטן גאַנצן וויין מעשובעד צו די בנֵיי איסראָעל פון מאַזע-פּעווקע.

אויב אירווילט האָבן אַ באַגריף ווי אַזוי איז פאָרגע-קומען יעציעס-מיצראים אין מוישע ראַבּיינעס צייטן, זאָלט איר זיך מאַטריעך זיין אראָפּלאָזן זיך ערעוו-פּייסעך צו כאַים כאָסיד אין קעלער אַריין, בעשאס אידן קלייבן וויין אף אַרבע קויסעס. אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר באַגייען זיך אידן באַרכעשעם אָן וויין, מאַכן קידעש איבער כאַלע און טרינקען וואַסער פון דעם טייך שטינקיילאָ, און קומט ערעוו-פּייסעך ווערט מען גרויסע מעפונאָקים, געפּעסטעטע, געבאַלעוועטע בנֵיי מעלאָכים און גרויסע איבערקלייבער, שאַרפע מעווינים אף וויין.—וויין אַליין איז בלאָטע! אַ ווימאַראַזיק וויל מען! און אַ גוטן ווימאַראַזיק, אַ קאָ-וועשאַנער! נאָר כאַפּט ניט, ווימאַראָזיק אליין איז בלאָטע! מע באַדאַרף צו אים צוזעצן א מין „זמירער”. און זמירער אַליין איז אויך בלאָטע! מע באַדאַרף צוזעצן צום „ווימאַ-ראָזיק” מיטן „זמירער” נאָך אַ מין וויין, אַזאַ מין, וואָס זאָל געבן אַ ציפּ באַם שפּיץ צונג און זאָל פונדעסטוועגן ניט

בראָטן באַם האַרצן, און זאָל זיין שטאַרק און זאָל זיך פונ-דעסטוועגן לאָזן טרינקען...

— איר ווייסט שוין, רעב כאַים, איר ווייסט שוין וואָס איך וויל, איר דאַרפט דאָס געדיינקען נאָך פון פאראַיאָרן!

אַזעלכע טאַינעס הערט כאַים כאסיד דעם טאָג וואָס פאר פייסעך און ניט פון איינעם: פון צען, פון צוואַנציק, פון פופציק אידן מיט אַמאָל, מאכמעס אַלע אידן לייגן אָפּ די אַרבע קויסעס אַפן לעצטן טאָג, אַף דער לעצטער שאָ, אַף דער לעצטער מינוט; און וויפל כאַים כאָסיד האָט מיט זיי דערפאר צו טון אַלע יאָר, העלפט דאָס זיי ווי אַן ארבעס צו דער וואַנט.

— איר זיינט טאקע גערעכט, זאָגן זיי און טוען זיך זייערס.

דעמדאָזיקן טאָג אַרבעטן אין קעלער שוין ניט די כאַימאווע און ניט די טעכטער, נאָר כאַים כאסיד אליין מיט די איידעמס. איינער גיסט וויין, איינער וואשט פלעש-לעך, איינער בייט פראָבקעס, איינער ציילט געלט, און ס'איז אַ מעהומע, אַ טומל, אַ געשריי, א געפּילדער: דעם האָט מען פאַרביטן די קיילים, דער האָט ניט באַצאָלט קיין געלט, באַ דעם האָט זיך צעבראָכן אַ גאנצע סאָליע, גע-בליבן שטיין מיטן פאַרפּראָפּקעוועטן העלזל אין האַנט און פרעגט, וואָס זאָל ער טון אצינד? און דער שרייט: „גיט מיר צוויי אָקעס וויין פונם פאַראַיאָריקן וויין און איין אָקע פונם פאַרצווייייאָריקן וויין, נאָר אַ ביסעלע שטאַרקער!..

כאַים כאסיד און זיינע איידעמס זיינען שטאַרקער פון אייזן,

אז זיי טראָגן עס איבער. ס׳איז געגוג, אז עליע-נויעך, מאָלט איידך, מיטן זיידענעם קאַשקעט אינדערוואָכן באַדאַרף זיין איין טאָג אין יאָר אַ מעשאָרעס באַ די מאַזעפעווקער אידן, ניט האָבן קיין צייט אפילע אויסשנייצן די נאָז מיט איין פינגער, ווי זיין שטייגער איז, נאָר וואָס זאָל מען טון? דערוף איז דאָס אַזאַ טאָג, וואָס מע דאַרף לאָזן פריי די ווייבער, זיי לאָזן אריינשלעפן דעם הייליקן פייסעך אין שטוב אריין, זיך איבערטון און אויספוצן ווי געהעריק איז און זיין „מאַלקעס" צום סיידער, ווי גאָט האָט געבאָטן... און די „כאימאָוואָ" מיט די טעכטער, אריינגעפירט דעם הייליקן פייסעך, האָבן זיך איבערגעטון, אויסגעפוצט אפן שענסטן אויפן, געוועזן מאַלקעס, ווי גאָט האָט געבאָטן, גע-שיינט און געבלישטשעט מיט זייד און מיט סאמעט, מיט פערל און מיט דימענטן כאטש נעם און מאָל זיי אָפּ!

נאָר איין צירעלע איז עפּעס געוועזן ניט ווי אלע ערעווו-פייסעך, ניט געוואָלט זיך אָנטון, אויספוצן ווי אַמאָל; גע-וועזן ווי פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט, דאָס פּאָנים בלאַס און אונטער די אויגן בלויע אויסגעברענטע רענדלעך, ווי באַ אַ מענטשן, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן און געוויינט.

עפּעס האָט זיך מיט אונזער צירעלען געטראָפן...

קאפּיטל טז

אין דערדאָזיקער נאַכט פון פּייסעך.

זיס און טייער איז אונז דער ליבער פּעטער פּייסעך איבער אַסאַך זאַכן, זיס און טייער איז ער אונז דערפאַר, וואָס ער דערמאָנט אונז, אַז מיר זיינען אַמאָל שוין לאַנג-לאַנג באַפרייט געוואָרן פון גאָלעס-מיצראַיִם, זיס און טייער איז ער אונז דערפאַר, וואָס ער פאַלט אַקוראַט אין אַזאַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט ווערט באַפרייט און באַנייט און כאַפּט זיך אויף און לעבט אָפּ, און די ערד הייבט אָן כאַפּן דעם אָטעם, און לופט הייבט זיך אָן רירן, און דער הימל הייבט אָן ריידן ווערטער, דונערן און בליצן—אַלץ לעבט אויף, ס'איז כאַי געלעבט!... זיס און טייער איז ער אונז אויך דערפאַר, וואָס אידן, אָרעמע נעבעך און דער-שלאָגענע, האָרעוועו זיך אָן, טויטשען זיך אָן, קאַם-קאַם מיט גרויסע צאָרעס, אַנגסטן און יעסורים אַריינגעשלעפּט דעם הייליקן יאָנטעוו, און שאַ! מע וועט רוען, מע וועט רוען אַכט טעג קעסיידער. און דערמאַן איך דעם נאָמען פונם ליבן, זיסן פּעטער פּייסעך, שטייט אויף פון קייווער מיין גליקלעך קינדהייט, מיין זיסע אינגלשע וועלט, און גיט מיר אָפּ אַ גרוס פון יענע טייערע יאָרן, וואָס וועלן שוין קיינמאָל, קיינמאָל ניט אומקערן זיך צוריק! זיי געגריסט ליבער זיסער פּעטער פּייסעך! זיי געגריסט פון אידישע קינדער, פון אידן אָרעמע, נעבעך, און דערשלאָגענע, וואָס ווייסן ניט קיין רו, וואָס זעען ניט קיין וועלט, רוען זיך

אויס זייערע אויסגעמוטשעטע ביינער אַכט טאָג קעסיידער אינם דאָזיקן הייליקן יאָנטעוו!

נאָר אויב פּייסעך איז אַ יאָנטעוו, איז די ערשטע נאכט פון פּייסעך א יאָנטעוו שעבעיאָנטעוו, צוויצן יאָנטויוויים אַ יאָנטעוו! שטיל איז דעמאָלט אין מאזעפּעווקע, אין דער-דאָזיקער נאכט פון פּייסעך, שטיל און יאָנטעוודיק. אָפּגערעיט דעם סיידער, אָפּגעגעסן די שיינע פּאלירטשיקעס, פּארטרונקען מיטן גוטן וויין, אָנגעזאָגט זיך ווי א פּויק מיט די כאַד-גאדיעס, האָט כאַים כאסיד געפּילט באַם טיש נאָך, אז ער הייבט שוין אָן צו דרעמלען און קאָם אָפּגעכאַפּט דעם שירהאשירים. גאָט ווייסט צי אינגאנצן, מאכמעס גאנצע שטיקער זיינען אים עפּעס ווי אוועקגעשוואומען פאר די אויגן, ווי סע שווימט אוועק אַ שטיק וועג בע-שאס מע האלט אין פאָרן און מע פארטראכט זיך, האָט ער זיך שטילערהייט אוועקגערוקט, אויסגעטון, אין—וואו קרי-שמע? ווער קרישמע?—אריינגעפאלן אין בעט אריין און שוין געשלאָפן.

אויך די איידעמס אלע, וואָס האָבן טכילעס שטאַרק געבעריעט זיך, געוואָלט ווייזן איינס פאַרן אנדערן, אז מע קאָן טרינקען וויין, האָט מען זיך פּאוואָלינקע אזוי אָנגע-שיקערט, אז מע איז אופגעשטאַנען פונם טיש האָט מען זיך קאַם געהאַלטן אף די פיס. עליע-נויעך דער איז גאָר געווען שיקער ווי לאָט, כאָטש נעם בינד אים און וואַרף אים ארויס. עמעס, אז ער איז אופגעשטאַנען, האָט ער זיך געמאַכט קלוימערשט ווי ער זינגט עפּעס פון דער האַגאָדע,

אויסגעצויגן עפּעס אַ מין „וואיהי באַכצי האַלאילע״, נאָר ס׳איז אויסגעקומען אזוי לעפּיש און דאָס פּאָנים באַ אים אזוי נאַרעש, אַז דאָס ווייבל זיינס האָט אים געמוזט אָנ-נעמען פאַר א פינגער פון דער האַנט און פירן אים ווי מע פירט א קעלבל מעכילע צו אַ בעהיימע.

— קום שוין, קום שלאָפן... אנגעזוליאקעט זיך און זינגט נאָך...

און אָט אזוי האָט מען זיך באַ כאַים כאָסיד אין שטוב אין דערדאָזיקער נאַכט פון פייסעך נאָכן סיידער איינציק-ווייס צעקראָכן, אין די אלקערס און עס האָט זיך געלאָזט הערן פונדאָרט אַ כראַפּען מיט א פייפן פון אסאַך העל-זער און פון א סאַך נעזער אף פאַרשיידענע קוילעס, און נאָר איין צירעלע איז ניט געשלאָפן.

אין דערדאָזיקער נאַכט פון פייסעך האָט צירעלע זיך אָפּגעזעגנט מיט איר פאטערס הויז, זיך אופגעהויבן פון איר געלעגער, אין איין קליידל מיט א שאַלעכל אַפן קאָפּ און מיט אַ פּאָר שיכלעך אַף די פיס, און האָט זיך ארויסגע-כאַפּט אינדרויסן ארויס; דאָרט האָט שוין געוואַרט אַף איר איינער, א הויכער, אַ שיינער יונג.

דאָס איז געווען מאַקסים שטובינסקי.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, נאָר א פינצטערע נאַכט, די שטערן האָבן זיך באהאַלטן אין טונקעלע וואלקנס, ניט געוואָלט קוקן ווי אַ אידישע טאָכטער פאַרלאָזט דעם טאַטנס הויז אין אַזאַ הייליקער נאַכט. עס האָט געמראַקעט אַ קליין רעגנדל. וואַרעמע טרערן האָבן געקאַפּעט פונם

הימל, געוויינט אַפן בראָך פון כאים כאָסיד מיט זיין הויזגעזינד, וואָס האָבן ניט געוואוסט פון גאָר ניט, וואָס זיינען געשלאָפן מיטן זיסן שלאָף פון גליקלעכע ערלעכע פרומע אידן אינם דאָזיקן הייליקן יאָנטעוו, דעם יאָנטעוו פון אלע יאָנטויווים.

אין דערדאָזיקער נאַכט, ווען עמעצער כאַפּט זיך אוף אַף איין מינוט און טוט אַ קוק אף צירלען, קערט זי זיך אום צוריק. נאָר קיינער האָט זיך ניט אופגעכאַפּט, אלע זיינען געשלאָפן מיטן זיסן יאָנטעוודיקן שלאָף—און צירעלע האָט געציטערט ווי אַ לעמעלע, און מאַקסים שטובינסקי האָט זי אריינגענומען, איר געזאָגט זיסע גילדענע ווערטער, איר דערציילט ווי אזוי ער האָט זי ליב, ווי גליקלעך ער איז, וואָס זי האָט אים געפאָלגט, ווי גליקלעך זיי וועלן זיין ביידע אינגיכן... צירעלע האָט זיך צעוויינט פאַר גרויס גליק און פאַר שרעק און פאַר דעם וואָס זי טוט, האָט זיך פאַרטרויעט אינגאַנצן אַף אים, און האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן צו אים אין די הענט אריין—און ער האָט זי געבראַכט צו פירן אין מאָנאַסטיר אריין.

קאַפּיטל יז

מאָנאַסטירסקע גלעקער קלינגען.

. . . .

. . . און אַז זי איז געקומען אין מאָנאַסטיר אריין, האָט זי געוואָלט, אַז דאָס, וואָס סע דאַרף געשען, זאָל דאָס געשען וואָס גיכער, זי האָט מוירע געהאַט פאַר זיך אליין, זי זאָל כאלילע קיין כאראָטע ניט האָבן. זי האָט זיך אָנגענומען מיט האַרץ און געגעבן זיך דאָס וואָרט, אַז זי זאָל זיין שטאַרק אזוי ווי שטאָל, זיך ניט לאָזן איבערעדן פון קיינעם, ניט צולאָזן צו זיך קיינעם פון אירע אייגענע, פאַרשטעלן די אויגן און ניט זען, פאַרשטעלן די אויערן און ניט הערן.

און ס׳איז טאַקע אזוי געוועזן. אַף מאָרגן הערט זי איינדרויסן קאָכט, עס טוט זיך עפּעס, עמעצער רייסט זיך, וויל גרייכן צו איר, האָט זי זיך פאַרשלאָסן אין ביידערל, ניט גערירט פונם אָרט. און זי הערט אַ קענטלעך קאָל, זי וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס וויינט און יאָמערט די מאַמע אירע, האָט זי פאַרשטעלט די אויערן, זי זאָל ניט האָרכן, כאָטש עס האָט זי געצויגן ווי מיט צוואַנגען, געטריבן ווי מיט שטעקנס. און זי האָט געהאַלטן וואָרט, אויסגעפירט אירס,—אָפּגעטון איז פאַרפאַלן.

צירעלע זיצט איינע אליין באם פענצטער פון איר ביידערל און קוקט זיך צו און הערט זיך צו, וואָס איינדרויסן טוט זיך. די זון האלט באַ זעצן זיך, לאָזט זיך

אַראָפּ אַף יענער זייט מאָנאַסטיר, באַגעלט די שפּיץ קלויס־טערס מיט גינגאָלד, און דער אָוונט קומט צו גיין מיט גרינגע שטילע טריט; פאַרגאַנוועט זיך, צעשפּרייט די טונקעלע פליגל זיינע ארום און ארום, לייגט זיך מיט אַ מאָדנע סומנעקייט אַף דער נעשאָמע און רופט ארויס אַ מין קלע־מעניש, אַ מין ביינקעניש אין האַרצן.

מאָנאַסטירסקע גלעקער קלינגען—מאָנאַכן לויפן דאַווגען, „באָם! — באָם!״ אזוי קלינגט די גרויסע גלאָק און הודעט, און יעדער קלונג טוט איר א זעץ אין הארצן. גלין—גלין—גלאָן! — גלין—גלין—גלאָן! גלין — גלין—גלאָן,— גלין — גלין — גלאָן!״ אזוי ענטפערן די אַלע איבעריקע גלעקער אַף פאַרשיידענע קוילעס, און עס דאַכט זיך איר אויס, אז די גלעקער ניט זיי קלינגען, נאָר זיי ריידן, דערציילן איר וואָס אינדערהיים טוט זיך: גלין—גלין—גלאָן!— דער טאַטע וויינט! גלין—גלין—גלאָן!—די מאַמע וויינט! גלין גלין—גלין—גלין—גלין—גלאָן!—אַלע קליינע קינדער וויינען...

און צירעלע דערמאנט זיך אין דער היים, שטעלט זיך פאָר פאַר די אויגן די גאַנצע שטוב איטלעכן מיט זיין פּאָנים און מיט זיין מינע, און עס פאַרקלעמט באַם הארצן, און זי בעט גאָט—אלציינס וואָסער גאָט—אַז דאָס, וואָס באַ־דאַרף געשעען, זאָל געשעען ווערן וואָס גיכער...

און עס קומען צו איר ?לע מאָל אַנדערע מענטשן און גרייטן זי צו, זי זאָל זיין פאַרטיק. און זי בעט גאָט, אַז דאָס, וואָס באַדאַרף געשעען, זאל געשעען וואָס גיכער.

און מאַקסים טשובינסקי קומט צו גיין מיט זיינע זיסע גילדענע ווערטער, דערציילט איר איבער נאָכאמאל און נאָכ-אמאָל ווי גליקלעך ער איז, וואָס זי האָט אים געפאָלגט, ווי גליקלעך זיי וועלןביידע זיין אינגיכן, און זי פאלט אים אפן הארצן, וויינט, וויינט פאַר גרויס גליק און פאר שרעק פאר דעם, וואָס זי טוט, און בעט גאָט, אַז דאָס, וואָס דאַרף געשען—זאָל געשען וואָס גיכער...

קאַפיטל יט

אַ געפערלעכער שפּרונג.

צירעלע האָט זיך מעכאיע געווען, וואָס גאָט האָט איר צו-געשיקט אַ פרישן מענטשן, כאָטש אַזעלכן ווי מאָשקעלע גאַ-נעוו, וואָס זי קאָן זיך מיט אים אביסל דורכריידן, און זי דער-ציילט אים אויס אלצדינג פון א׳ ביז ת׳, און ער הערט זי אויס מיט קאָפּ, לאָזט זי רעדן, זי זאָל דערציילן נאָך און נאָך, און זיי ביידע באַמערקן גאָרניט ווי ווייט זיי זיינען פאַר-גאַנגען אין גאָרטן, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון און געוואָלט גיין צוריק, האָט ער זי פלוצלינג אָנגענומען באַ דער האַנט ווי מיט אן אייזערנע אָפּצווייגגע און האָט איר אַ זאָג געטון:

— שטיי, וועסט צוריק ניט גיין! איך האָב אויסגעהערט אַלצדינג, וואָס דו האסט מיר דערציילט; אצינד באדארפסטו אויסהערן, וואָס איך וועל דיר דערציילן.

טויט ווי די וואַנט איז זי געבליבן שטיין, געקוקט מיט שרעק מאָשקען אין די אויגן אריין, ניט געקאָנט ארויסנעמען איר האנט פון זיינע אייזערנע קלעשטשעס, און מאָשקע האָט איר דערציילט אַ מאַיסע נאָר אַ קורצע מיט פראָסטע ווערטער, איר דערציילט ווי אַזוי ער האָט זי ליב אסאַך פריער פון מאקסים טשובינסקי, ווי אַזוי ער האָט קיינמאָל ניט געהאט דעם אַזעס בריינגען איר הייליקן נאָמען אַף זיין מויל, צו טראַכטן וועגן איר אפילע אין כאָלעם, וואָרום ווער איז ער און ווער איז זי? ער איז „מאָשקעלע גאַנעוו", און זי איז כאַים כאָסידס טאָכטער—א ווערטעלע! און ווי אַזוי באַ אים איז איצטער פלוצלינג און מיטאַמאָל פאַרטיק געוואָרן א פלאן, אַזא פלאַן, וואָס ער מוז אים דורכפירן, ער זאָל וויסן דער טויט זאָל אים זיין אַפן אָרט! דער פלאן איז אַ פאָשעטער פלאַן: ער נעמט זי אַף די הענט און שפרינגט מיט איר אַריבער אָט דעמדאָזיקן פלויט און זעצט זיך מיט איר אנידער רייטנדיק אפן פערד, וואָס שטייט באַ אים צוגעגרייט פון גאַנץ פרי אָן, און שפרינגט מיט איר אוועק אינם ערשטן שטעטל און שטעלט מיט איר אַ כופע, און ער שווערט איר באַ גאָט, בא דעם גאָט, וואָס אין הימל, אז ער וועט אייביק זיין איר קנעכט, ער וועט פאר איר גיין אין פייער און אין וואַסער, און זי וועט פאר אים זיין אסאַך גליקלעכער ווי פאר מאקסים טשובינסקי, וואָרום ער, מאָשקעלע גאַנעוו, האָט זי ליב, ווי פערציק טויזנט מאקסים טשובינסקיס קאָנען אַזוי ניט ליב האָבן...

און ניט לאָזן זי לאַנג טראַכטן, האט ער זי גענומען צו זיך אף די הענט, ווי מע נעמט אַ קליין קינד, און האָט זיך ארופגעדראפעט מיט איר אַפן פּלויט פונם מאָנאַסטיר און האָט צו איר בעשאס מאיסע אַזוי געזאָגט:

— הער! טאָמער לאָזטו ארויס איין פּיפּס, דערוואַרג איך זיך מיט מיינע הענט און אַליין וואַרף איך מיך אראָפּ פונם דאָזיקן פּלויט און צעברעך מיר דעם קאָפּ אף שטיק-לעך!...

דאָס אלצדינג איז געווען אַזוי פּלוצלינג אומגעריכט, אַז ניט נאָר שרייען, צירעלע האָט ניט געקאָנט אַפילע דעם אָטעם כאפּן; זי איז געווען טויט ווי אלע טויטע: סע האָט מיט איר געוואָרפן ווי מיט אַ קאַדאָכעס, און בעשאַס ער האָט זי ארומגענומען מיט ביידע הענט און האָט זיך געגרייט אראָפּשפּרינגען פונם הייכן פּלויט אין די שטעכלקעס אריין, האט זי אים אַרומגעכאַפּט מיט אירע קליינע הענטעלעך באַ זיין געזונטן האַלז, ווי אַ קליין קינד כאַפּט ארום אַ גרויסן בעשאַס יענער באָדט זיך אין טייך און וויל זיך מיט דעם אונטערטוקן אין וואַסער, עס האָבן זיך באַ איר צוגעמאַכט די אויגן און זי איז קימאט געבליבן אין כאַלאָשעס... . .

. . . .

קאַפּיטל כ

א בריוו פון דער פּאָסט און אביסל היסנאצ־לעס פונם מעכאבער.

אין עטלעכע טעג ארום איז צו כאים כאָסיד אָנגעקומען א בריוול פון דער פּאָסט און דאָרט איז געשטאנען:

„ליבער פּאָטער און טייערע מוטער! איך שרייב אייך, אז איך בין דאַנקען גאָט געזונט און שטארק און בין געבליבן א אידישע טאָכטער, איך האָב כאסענע געהאט פאר מאָשקען, וואָס מע רופט אים בא אונז מאָשקעלע גאנעוו, און איך בין גליקלעך, עפּשער נאָך גליקליכער פאר אלע מיינע שוועסטער, און איר זאָלט ניט פרעגן ווי אזוי דאָס איז געווען, מיסטאמע איז דאָס א באשערטע זאך פון גאָט, ווי רעב שאָלעם שאַדכן זאָגט א „זיווע̇ג מין האַשאָמאַיִם״, און איר זאָלט וויסן, ליבע פּאָטער און מוטער, אַז מיר וועלן אהיים, קיין מאזעפּעווקע קיינמאָל ניט קומען, מיר ווילן ניט אייער ביזאָען מיט אייערע יעסורים, לעבט הונדערט און צוואנציק יאָר. איך פארבלייב פונדערווייטן אייער געטרייע, וואָס קושט אייך טויזנט מאָל און ווינשט אייך פיל גוטס און געזונט און האַצלאָכע, און איך בעט לאָזן געריסן איטלעכן באזונדער גאָר פריינטלעך, און באַלי מאָשקע לאָזט אייך געריסן איטלעכן גאָר פריינטלעך.

אייער טאָכטער צײרל״.

. . . .

ס׳איז אַ מינהג קימאַט בא אלע מעכאבורים אַף דער גאנצער וועלט, אז זיי באשרייבן א געשיכטע, איז קוידעם־קאָל, נאָך אין האקדאָמע פונם טייפער, גיבן זיי צו וויסן דעם אוילעם און שווערן מיט קאָל האַשוואוֹעס, אז מע מעג גלויבן א הולטאי, אז אלצדינג, וואָס זיי דערציילן, איז לויטער עמעס, כאָלילע ניט אויסגעטראכט פונם קאָפּ קיין איינציק וואָרט אפילע. נאראָנים! זיי ווייסן ניט, אז וואָס מער זיי וועלן זיך שווערן, וועט מען זיי אלץ מער ניט גלויבן... איך האָב געהאט א כאווער, „טאנכעל״ האָט ער געהייסן, איז ער געוועזן אַ מוירנדיקער שאקרען; אלע אינגלעך אין כיידער האָבן דאָס געוואוסט און ער אליין האָט אויך געוואוסט, אז מע ווייסט, אז ער איז א ליגנער, וואָס־זשע פלעג ער טון? אז ער האָט עפּעס באדאַרפט דערציילן א נייס, פלעג ער קוידעמקאָל אָנהייבן לייגן שוואועס:

— הערט איר, קינדער? ווי איך בין אַ איד! איך זאָל ניט דערלעבן אוועקגיין פון דעם אָרט! איך זאָל מיך דער וואַרגן מיטן ערשטן ביסן! איך זאָל איינעמען א מיסע מעשונע! לאָז פון מיר ווערן א שטיין, א ביין אויב איך זאָג אייך א ליגן אַף אָט אזוי פיל אָ!...

און ערשט נאָכדעם פלעג ער שוין דערציילן די מאיסע, און ערשט נאָכדעם פלעג זיך אויסלאָזן, אז ס׳איז שאָוו ועשעקער...

געגרינדעט דערוף, וויל איך מיך ניט פארענטפערן פאר דיר, מיין ליבהארציקער לעזער, און אויסוויַיזן דיר אויג

אף אויג, אז דידאָזיקע געשיכטע, וואָס איך דערצייל דיר, איז טאקע אזוי געווען פונקט ווי סע שטייט געשריבן בא מיר אין ראָמאן. איך זאָג דיר, אז ס'איז אזוי, און די ברייררע איז בא דיר, ווילסטו גלויבסטו, ווילסטו גלויבסטו ניט... איך קאָן דיר געבן נאָך אן אייצע: פאָר זיך דורך קיין מאזעפעווקע און כאפ אָן א אידן אין מיטן גאס און טו אים א פרעג.

— פעטער! איז ניט געווען דאָ בא אייך איינער א מאָשקע גאנעוו?

וועט ער זיך אָפּשטעלן און וועט דיר ענטפערן:

—אַ? מאָשקעלע גאנעוו? אָט דער, וואָס איז אנטלאָפן מיט כאים כאָסידס טאָכטער? וואָס איז דען? א קעגן וואָס פרעגט איר דאָס?

וועסטו דאָך אים ענטפערן:

— גאָרנישט, גלאט אזוי...

און וועסט דאָך מיסטאמע וועלן אוועקגיין, וועט ער דיך ניט אָפּלאָזן און וועט זיך נעמען צו דיר:

— וואָס הייסט גאָרנישט, גלאט אזוי, גלאט אזוי? גלאט איז א טעלער! וואָס הייסט דאָס א איד נעמט און פרעגט זיך נאָך גלאט אזוי? אז איר פרעגט, מיסטאמע ווייסט איר דאָך עפּעס!

און מיינט ניט, אז איר ווערט גיך פּאָטער. דער איד, וואָס איר האָט אים אָפּגעשטעלט, שטעלט אָפּ נאָך צוויי אידן און טייט אף אייך מיט די פינגער:

— וואָס זאָגט איר דערוף? איך גיי מיר אזוי, שטעלט מיך אָפּ אָט דער איד און פרעגט זיך נאָך אף מאָשקעלע

גאנעוו! פרעג אים אים, וואָס דארפט איר מאָשקעלע גא-נעוו? זאָגט ער גלאט אזוי!...

צו די דריי אידן גייען צו נאָך א דריי—פיר אידן און ארום דיר ווערט א גאנץ רעדל און מע נעמט דיך צו דעם ארבעט גאָר אף אן אנדער אויפן. איינער גיט איבער דעם אנדערן, ווער דו ביסט; ער זאָגט, אז דו האָסט זיך געזועגן ערגעץ מיט מאָשקעלע גאנעוו, דער זאָגט, אז דו ביסט געקומען צו פאָרן מיט מאָשקעלע גאנעוו, און איינער זאָגט שטילערהייט דעם אנדערן אפן אויער, אז דאָס ביסטו אליין מאָשקעלע גאנעוו, און דו דאנקסט גאָט, אז דו רייסט זיך ארויס פון זייערע הענט. און איך האָב מוירע, אז דו וועסט פארזאָגן קינדס קינדער ניט פאָרן קיין מאזע-פעווקע, ניט אָפּשטעלן קיין אידן אין גאס און ניט נאָכ-פרעגן זיך אף מאָשקעלע גאנעוו... גלייכער זאָלסטו מיר גלויבן אף נעמאָנעס, אז ס'איז געווען אין מאזעפעווקע א מאָשקעלע גאנעוו, אַ צירעלע, אַ כאַים כאָסיד, וואָס האָט געהאַט אַ שיין ווייב, מיט שיינע טעכטער, מיט עטלעכע איידעמס, מיט די אלע איבעריקע פארשוינען, וואָס ווערן געבראכט אין מיין ראָמאן. אַי, וואו זיינען זיי א הינגעקו-מען? לעמאי וואו זיינען א הינגעקומען אלע אייערע באַ-קאַנטע פון אמאָל? אייניקע זיינען געשטאָרבן, אייניקע זיינען זיך צעקראָכן, צעלאָפן ווי די מייז אין אַ הונגער-יאָר. כאים כאָסידס קעלער איז שוין לאנג צוגעמאכט און די מאזעפעווקער אדוינים קלייבן זיך צונויף אין קלוב אריין, ניט אין קיין ווייַנשיינק, און מע שפילט אין ווינט, אין

פראָפּעראַנס, און טרינקען טרינקט מען אָדער גערייניקטן בראָנפן 40 גראַד, אדער קוואַס, ניט קיין ווימאראזיק, אן עק, אויס ווימאראזיק! כאַים כאָסיד אליין איז שוין לאנג אף דער עמעסער וועלט. די „כאַימאָוואַ" איז אן אלטע אידענע מיט א פּאריק, און כאָטש דאָס פּאָנים איז שטארק געקנייטשט און גייט איינגעבויגן, פונדעסטוועגן זעט מען נאָך היינט אויך, אַז אַמאָל האָט זי באדארפט זיין א שיינע אידענע. די טעכטער מיט די איידעמס זיינען איינציקווייס אריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע און מאכן דאָרט אַ „לעבן". און ס'איז אַ סוואָרע, אז עליע-נויעך האָט שוין לאנג אַראָפּגעוואָרפן דאָס ייִדענע קאַשקעטל און טראָגט שוין גאָר אַ „העט" (קאַפּעלוש) און הייסט שוין גאָר „מיסטער" (הער) און לייענט אַ „פּייפּער" (אַ גאַזעט) און עסט אַ „סטייג" (אַ מין געבראָטנס) און טרינקט אַ „ביער" און פאַרבייסט מיט אַ „קעק" (אַ מין לעקעך) און גיט זיך אָפּ מיט „פּאָליטישען" (פּאָליטיק), ער שנייצט שוין ניט די נאָז מיט איין פינגער, אַן עק,—מיט איינעם ווארט, עליע-נויעך איז שוין אַ גאַנצער איינגלשמאַן און איז שוין „אָל-רייט"!... איך האָב אליין געזעען אַ „פּיקטשע" (אַ פּאָרטרעט), וואָס עליע-נויעך האָט צוגעשיקט צו זיינעם אַ כאַווער, בין איך ניוועהעל וועגישטרימעם געוואָרן! מע זאָל מיר ניט זאָגן, אַז ס'איז עליע-נויעך, כאַים כאָסידס איידעם, וואלט איך זיכער מיינען, אז ס'איז אָדער אַ רייטער פון צירק, אָדער אַ שווייצאר פון אַ גאַסטהויז, אָדער לעכאָלאַפּאָכעס א אַי-דישער לאקיי אף א געהויבענער כאסענע. א גאַנץ יאָר

שלאָגט ער אָן מאטראצן, און אז סע קומט א רייכע כא-
סענע, גאָלט ער אָפּ די מאָרדע, קראכמאלעט אָן די וואָנ-
צעס, ציט אָן אף זיך צוויי זשילעטן, א פּאפּירענע מא-
נישקע מיט א ווייסן שניפּס און פון די ברייטע מאנזשעטן
שטעקן ארויס צוויי גרויסע רויטע הענט מיט שווארצע
נעגל... אָט וואָס הייסט א פריי לאנד!

זצינד בלייבט נאָך איבער איינס: וואָס הערט זיך מיט
מאָשקעלע גאנעוו און מיט זיין ווייב צירעלע? — דערוף באַ-
דארף מען בעטן דעם אוילעם, ער זאָל זיך מאטריעך זיין
לייענען ווייטער.

קאַפּיטל כא

הענעך דער כאזן זוכט א שטאָט.

פון יענער צייט, וואָס ווערט באשריבן דידאָזיקע היסטאָ-
ריע, איז אוועקגעגאנגען עטלעכע יאָר. עס האָבן זיך גע-
שטעלט די אומעטיקע וויינענדיקע טעג, סאמע עלעל-צייט,
ווען אידישע קינדער לאָזט מען פריי, גרויסע אידן לערנען
זיך בלאָזן שויפער, כאזאָנים פּאָרן זוכן שטעט, מעלאמדים—
קנעלונגען, און דער הימל, באדעקט מיט שווערע בלייענע
וואָלקנס, קלאָגט און וויינט אף דעם אוועקגעגאנגענעם זו-
מער מיט קאלטע טרערן.

אין איינעם פון דידאָזיקע טעג איז הענעך דער שוי-
כעט, אָדער הענעך דער כאזן (ער איז ביידע זאכן), גע-

פאָרן פון סעקוראַן קיין בריטשאַן זוכן זיך א שטאָט אף צו דאַוונען יאָמים נוראָים.

העניך איז געווען, הייסט עס, א „וועלט-כאַזן". נאָר ניט פון די וועלט-כאַזאָנים, וואָס זיינען באַרימט אין דער וועלט, נאָר פון יענעם מין „וועלט-כאַזאָנים", וואָס פאָרן אף דער וועלט זיך זוכן אַן אָמעד; אמאָל געפינען זיי און אמאָל ניט, און אז זיי געפינען, דאַוונען זיי אָדער שאַכ-רייטים, אָדער מוסאָפים, אָדער שאַכרייסים מיט מוסאָפים אינאיינעם. ווי אַזוי עס לאָזט זיך. קיין יאַקרען איז אונזער העניך נישט געווען קיינמאָל; מער פון זיבעציק קאַרבן שוין מיט דער „שיסל" האָט ער קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט אפילע, אַדעראַבע, מע דערציילט אין מאַזעפעווקע א מאַיסע (אף איטלעכן באַזונדער האָט מאַזעפעווקע א מאַיסע). אז העניך איז אמאָל געקומען אין א שטעטל, אָפּגעדאַוונט אַ שאַבעס און איז שטאַרק געפעלן דעם אוילעם, מאַכמעס ער האָט טאַקע געהאַט א ריינע „קיילע" און א שיינעם „כי-טעך האַדיבער". אַז ס'איז געקומען צו באַדינגען זיך, און אז ער האָט דערהערט, אז מע וויל אים באַצאָלן א גאַנצן הונדערטער אַכוץ דער שיסל, האָט ער געכאַפּט דעם שטעקן און איז אַנטלאָפן, געזאָגט: „אויב אַזוי זוכט אייך אַן אַנ-דער כאַזן"... נאָר דאָס געהער זיך שוין אָן מיט העניכן, ניט מיט אונזער ראָמאַן, בעכיין קערן מיר זיך אום צוריק צום ראָמאַן.

ביז דער סטאַנציע אָקניצע איז העניך געפאָרן מיט דעם באַן, און פון אָקניצע מיט א באַלעגאָלע גלייך קיין

סעקוראַן אױף יאָמים נוראָים, איז דאָך די קאַשע: װאָס עפּעס קײן סעקוראַן? לעמאַי ניט פּילעשט, אָדער קײן יע־דינעך? פּילעשט און יעדינעך איז דאָך אַסאַך נעענטער װי סעקוראַן? איז דער טערעך: פּונװאַנען װײסט איר, אַז הע־נעך איז ניט געװוען אין פּילעשט און אין יעדינעך? עפּשער זײנען די פּעלישטער און יעדינעצער יידן אַזעלכע שאַרפע מעװינים אױף „נעגינע״, אַז הענעך איז פאַר זײ קלײן? אָדער עפּשער פאַרקערט, פּילעשט און יעדינעך איז פאַר הענעכן צו קלײן? װאָס קען מען װיסן? אַ פיש זוכט װוּ טיפער, אַ מענטש װוּ בעסער...

בעקיצער, הענעך איז געפאָרן קײן סעקוראַן, האָט ער אָבער אין סעקוראַן פאַרשפּעטיקט; דאָרט האָט נאָר־װאָס פאַרכאַפּט דעם אָמעד אַן אַנדער כאַזן, עפּעס אײנער אַ מאָנעש בערשעדער. אַ גוטער „דראָנג״ און קען קײן שײטל איװורע ניט; הענעך קען אים, נאָר ס׳איז ניט זײן אײסעק; ער װעט ניט גײן קאַליע מאַכן אַ אידן פּאַרנאָסע, הענעך איז ניט אַזאַ מענטש... און ער האָט געמוזט פאָרן פון סע־קוראַן קײן בריטשאַן.

געפאָרן פון סעקוראַן קײן בריטשאַן איז הענעך מיט אַ באַלעגאָלע, געװײנטלעך ניט אַלײן, מיט נאָך אידן און מיט נאָך װײבער, און מאַכמעס אינדרױסן איז געװוען שױן רעכט קילבלעך און הענעכס בגאָדים זײנען געװוען ערטערװײס אױסגעטריפּעט און ערטערװײס מעכילע צעטרענט, האָט ער זיך אײנגעהילט אין אַ גרױסן װאַרעמען שאַל, געהיט די קײלע, ער זאָל זי כאָלילע ניט צוקילן.

טכילעס האָבן די פּארשוינען צווישן זיך פּארפירט א בּרייטן שמועס מעקויעך מא-שמייכעם, פּונוואנעט איז א איד און וואוהין פאָרט מען? ווי געווייגטלעך, און אז מע האָט זיך שוין גוט אָנגערעדט און אָנגעזיפּצט אף די היינטיקע פּארנאָסעס מיט די היינטיקע בּסורעס טויוועס יעשועס ווענעכאָמעס אף אידן, איז מען מיטאמאָל געוואָרן שטיל, זיך פּארטראכט איטלעכער אין זיינע אסאָקים מיט זיינע דאיגעס. אויך הענעך איז געווען פּארטיפט אין זיינע מאכשאָוועס, הענעך האָט, נישקאָשע, געהאַט וואָס צו טראכטן, וואָרום טאָמער כאָלילע לוי יאילע וועלוי יאָווע פּארשפּעטיקט ער בּריטשאן אויך, בּלייבּט ער דאָך אף היינטיקן יאָמים נויראָים לאכלוטן אָן אן אָמעד...

פלוצלינג ווי ער טראכט אזוי, דערזעט הענעך, פּונקט אפּן מיטן וועג צווישן סעקוראן און צווישן בּריטשאן, א פּארטיע ארעסטאנטן גייען מיטן עטאפּ פּאָרוויס געשלאָסן א האנט צו א האנט און זוויאקען מיט די קייטן. פונהינטן איז נאָכגעפאָרן א גרויסער וואָגן מיט ווייבער און קינדער. הענעך, וואָס איז געווען פּארטיפט אין זיינע מאכשאָוועס, וואָלט געווים דורכגעלאָזט דעם עטאפּ פּארביי דער נאָז, אים אין זינען געהאט ווי פּאראיאָריקן שנײ: ווייס איך, גאנאָווים, בּאָסיאקעס, כאפּט זיי דער וואטנמאכער! נאָר ער ווייסט אליין נים וואָס מיט אים איז געשען: צווישן די ארעסטאנטן האָט ער דערזען עפּעס איינעם א פּארשוין א שווארצן מיט א שווארצער פּאטלע און מיט א שווארצער בּאָרד, און ער וואָלט געמעגט שווערן,

אז ס'איז א איד, און נאָך א קענטלעכער דערצו, זייער אַ קענטלעכער! ווער דאָס איז—האָט ער בעשומויפן ניט גע-קאָנט זיך דערמאנען, וויפל ער האָט זיך ניט געבראָכן דעם מויעך און געריבן דעם שטערן.

און מאכמעס ער האָט זיך שוין אזוי פארינטערעסירט מיטן קענטלעכן פארשוין, האָט ער שוין בעמיילע גענומען באטראכטן דעם וואָגן מיט די ווייבער און קינדער אויך, און ער האָט דערזען צווישן זיי איינע א יעפייפיע, מיט א רויט שאלעכל אפן קאָפּ און מיט א קינד אף די הענט. ער וואָלט שווערן, אז ס'איז א אידישע טאָכטער און א קענט-לעכע, אָבער טאקע גאָר א קענטלעכע!

— ווייס איך וואָס עס קען זיך אמאָל אויסווייזן — אזוי האָט הענעך א זאָג געטון צו זיך אליין און האָט זיך א גלעט געטון בא די פלעשלדיקע פייעס און איינגעהילט זיך אין דער ווארעמער שאל. פלוצלינג דערהערט ער, עמע-צער רופט אים אָן באם נאָמען:

— רעב הענעך! רעב הענעך!

קאפיטל כב

א מאַיסע! א מאיסע!

הענעך דרייט אויס דעם קאָפּ — דאָס רעדט צו אים די יע-פייפיע, וואָס מיטן רויטן שאלעכל און מיטן קינד אף די הענט... פון הענעכן איז געוואָרן א שטיק זאלץ: „ווער קען דאָס זיין?"...

— רעב העניך, איר האָט מיך ניט דערקענט? איך בין דאָך צירעלע, כאימס טאָכטער, כאים כאָסיד אײנגערע טאָכטער! אז איר וועט קומען אהיים קיין מאזעפּעווקע, זאָלט איר לעמאַנעשעם לאָזן גריסן דעם טאַטן און דער מאַמען און אַלע אונזעריקע גאָר פריינטלעך, און זאָלט מויכל זיין זאָגן, אז מיר גייען קיין אירקוטסק... לעמאַנעשעם, רעב העניך, לאָזן גריסן דעם טאַטן...

צירעלע האָט נאָך עפּעס געזאָגט, געמאַכט צו אים בעשאָס מאַיסע מיט די הענט, נאָר מאַכמעס די פורן זיינען שוין געווען איינס פון דאָס אַנדערע ווייטלעך, האָט מען שוין מער ניט געקאָנט הערן פון איר גאָרניט, ער האָט נאָר געהערט א געלעכטער צווישן די אַרעסטאַנטן, פון עטלעכע מיטאַמאָל, און א מעשונע מאַדנע לידל, און דאַפּקע צום גראַם, מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס ס'איז שווער צו פאַרשטיין פון זיי דעם פּשאַט:

„אי יאַנקעל, סאָרע, מייש! גי' מיר בראָנכן, גי' מיר כלייש!"

עס ווייסט אויס, אז דאָס לידל איז דעם אוילעם געווען שטאַרק געפעלן, וואָרום דער גאַנצער עטאַפּ, אַכוץ דעם קאָנוואָי, האָט שטאַרק אָנגעקוואָלן, און ניט אַזוי פונעם לידל, ווי פון דעם, וואָס איינער פון די כעוורע אַרעסטאַנטן, א הויכער פאַרשוין מיט א רויט געשטופּלט פּאָנים, האָט אַריינגענומען איין עק פּאָלע פון דעם גרויען שינעל אין מויל אַריין, געקוקט אויף העניכן, און האָט לאַנג געטרייסלט מיטן קאָפּ הין און צוריק, ביכדיי צו דעראַגזענען דערמיט די אידן!...

הענעך האָט אים אָבער געהערט ווי האָמאָן דעם גראַ-
גער. ער איז געווען פאַרנומען מיט זיינעם, ער איז גע-
וואָרן אויסער זיך פון דעמדאָזיקן באַגעגעניש, ער האָט
זיך אָנגעשטויסן אַלפי סוואָרע, אַז יענער שווארצער יונ-
גאַטש מיט דער באָרד באַדאַרף זיין טאַקע איר מאַן, מאָש-
קעלע גאַנעוו, און ער האָט ניט אופגעהערט וואונדערן זיך
און רעדן צו זיך אַליין:

— אַ מאַיסע! אַ מאַיסע! וואָס סע קען זיך טרעפן אַף
דער וועלט!

די איבעריקע פאַרשוינען, וואָס זיינען געפאָרן מיט הע-
נעכן אַף איין פור, האָבן זיך געוויינטלעך שטאַרק פאַרינ-
טערעסירט מיט דערדאָזיקער „מאַיסע"; נאָר וויפל זיי האָבן
אים ניט דערקוטשעט, ער זאָל זיי דערציילן וועך איז אָט
די באָכערטע, וואָס האָט דורך אים איבערגעגעבן אַזאַ
פריינטלעכן גרוס אַהיים, און וואָס איז דאָס פאַר אַ „מאַיסע"?—
האָבן זיי אָבער פון אים ניט געקאָנט אַרויסציען גאָרניט.
הענעך דער כאַזן האָט ניט אופגעהערט צו מאַכן מיט די
הענט, היצן זיך און איבערכאַזערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל:

— אַ מאַיסע! אַ מאַיסע! וואָס סע קען זיך פאַרלויפן
אַף דער וועלט!

— פאָרט וואָס? דערציילט אונז אויך די מאַיסע, לאָ-
מיר הערן!

— ס'איז אַ מאַיסע, וואָס טרעפט זיך, הערט איר, איינ-
מאָל אין טויזנט יאָר! אַ מאַיסע! אַ מאַיסע! וואָס סע קען
זיך פאַרלויפן אַף דער וועלט! אַ מאַיסע! אַ מאַיסע!

און מער האָט הענעך ניט געקענט זאָגן גאָרניט; ער האָט ניט געוואוסט פונוואנען ער זאָל אָנהייבן: צי פון איר, צי פון אים, צי פון דעם, וואָס איז געווען נאָכדעם, צי פון דעם, וואָס איז געווען פריער,—און אף הענעכס פּאָנים איז געבליבן פארגליווערט א ביטער שמייכעלע, און זיינע זיכרוינעס האָבן אים אופגעכאפּט ווי א רוען דעם מעלאמעד און האָבן אים אוועקגעטראָגן העט-ווייט, ער ווייסט אליין ניט וואוהין, ערגעץ אונטער די האָרע כוי-שעך... און דער ווינט האָט געבלאָזן, און א רעגנדל האָט געמראקעט, און דער באַלעגאָלע האָט געפּייפט און גע-וויאָקעט, און די פערדלעך זיינען מיט קליינע דריבנע טרי-טעלעך קלוימערשט געלאָפן, און די רעדער האָבן זיך גע-קאטשעט איבער דער נאסער ערד, און דער וואָגן האָט געטרייסלט, און אלע פארשוינען האָבן זיך געוויגט, גע-שאָקלט, באגעגנט זיך גאנץ אָפט אמאָל מיט די פּלייצעס, אמאָל מיט די שטערנס, און הענעך, איינגעהילט אין א וואַ-רעמער שאל, האָט זיך געוויגט און געשאָקלט אהער און אהין, און זיינע פלעשלדיקע פּייעס, גערירט פונם ווינט, האָבן זיך געבאָמבלט ווי אף פּרוזשינקעס און צוגעגעבן אים פיל כיין